בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קמ"ז

יו"ל: כ"ח מרחשון ה'תשפ"ה לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"טוב הכל חפצים"

א גאנצער וועג געלויבט דעם רבי'ן

מיר האבן די כוחות!

ער שלאפט שוין גארנישט...

'אילו היו מתקבצים עלי יחד כל הרוצחים'

ניטאמאל קיין שטרוי' אונטער דער פאדעשווע

בלויז א שמעק

געשריגן פריש און געזונט

אריין א פוס - ארויס א פוס!

דער קעגנזייטיגער קאמף

נאר די הענט ארבעט

'איך שעם מיך פאר זיי!'

זיך געבן נאר התחזקות!

האבן א שיינעם פאָטאָגראַף

ווערן עפעס אנדערש!

'מקצה העליון עד קצה התחתון'

---


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30

יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

---

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה"ק: 02.560.7387**

**ארה"ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #147**

בס"ד

# פרשת קדושים

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 166#)

## "טוב הכל חפצים"

[לומד בליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט]

**"האי גברא דאזל בעי אתתא ולא קיהבי ליה, מאי חזי דאזל להיכא דמדלי מיניה?"**[א] - אז ער וויל דארטן נעמען אַן אשה און מען וויל אים עס נישט געבן, קען ער דען גיין אין א העכערן פלאץ זוכן א העכערן יחוס?! אז מען האט אים דא נישט געוואלט געבן - זאל ער גיין אין א העכערן ארט?!

האט ער (- ר' יהושע בן חנניה) גענומען א "**סיכתא**" - א מין יתד, "**דצה לתתא** - **ולא על**" - אז ער האט עס אריינגעקלאפט אונטן - האט עס נישט געקענט אריינגיין, און העכער איז עס יא אריין. "**אמר: האי נמי מתרמיא ליה בת מזליה**", ממילא קען דא אויך זיין אז דא זאל מען נישט וועלן - און העכער זאל מען יא וועלן.

זאגט דער רבי אזוי (אות א'): "**כי לא כל דיבור נקרא דיבור**" - נישט יעדער דיבור הייסט א דיבור. "**כי דיבור שאינו נשמע ונתקבל אינו נקרא דיבור**" - א דיבור וואס ווערט נישט נתקבל הייסט גארנישט קיין דיבור.

וואס מיינט דער רבי דא? אז ער רעדט א דיבור איסור? א דיבור לשון הרע? א דיבור רכילות? דאס איז דאך נישטא וואס צו רעדן, דאס טאר מען דאך נישט רעדן; איז דאך נישט אז עס הייסט נישט קיין דיבור, נאר ער איז א דיבור אסור. דער רבי

---

[א] ממאמרי הסבי דבי אתונא ששאלו לר' יהושע בן חנניה במס' בכורות דף ח' ע"ב.

**מיינט דאך נישט אז מען רעדט א דיבור אסור, נאר דאס מיינט, אפילו איך רעד נישט קיין דיבור אסור, איך רעד נישט קיין שקרים און קיין לשון הרע'ס, אבער א דיבור אז איך רעד דארף ער ווערן נתקבל, סיי איך רעד אים צום אויבערשטן, סיי פאר א מענטשן, אויב עס ווערט נישט 'נתקבל' הייסט ער נישט קיין דיבור, איז דארף איך אים גארנישט רעדן. א דיבור וואס ווערט נישט 'נשמע ונתקבל' איז דאך נישט קיין דיבור, "אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם"[ב].**

**מיט וואס מאכט מען אז דער דיבור זאל ווערן 'נתקבל'? מען וויל דאך רעדן דיבורים וואס עס זאל ווערן נתקבל די דיבורים, וואס אז מען רעדט עפעס צום אויבערשטן זאל עס ווערן אנגענומען; מיט וואס מאכט מען אז עס זאל טאקע ווערן נתקבל דער דיבור? אז עס איז דא אין דעם דיבור 'טוב'.**

**ווייל אלע ווילן דאך 'טוב', איז אז עס איז דא אין דעם דיבור 'טוב', וויל מען הערן דעם דיבור. קומט אויס, אז עס איז דא 'טוב' אין דעם דיבור, ווערט דער דיבור 'נשמע ונתקבל', אבער אז עס איז נישטא קיין 'טוב' אין דעם דיבור, ווערט ער נישט נתקבל. דארף מען זעהן ארײנלייגן 'טוב' אין דעם דיבור.**

**ווי אזוי מאכט מען 'טוב' אין דעם 'דיבור'? ווי אזוי לייגט מען אריין 'טוב' אין דעם דיבור? אז מען נעמט דעם דיבור פון 'דעת'; אז דער דיבור איז מיט 'דעת', "אזי יש בו טוב".**

**דאס מויל דארף האבן א קשר מיט דעם מח!**

**דער רבי זאגט ווייטער אין א תורה[ג]: "בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם ה'"; "ירושלים" דאס איז דער 'דיבור", און "ה'" דאס איז די מוחין; אז איך רעד א דיבור און דער מח איז נישטא ביים**

---

[ב] תהלים יט, ד.

[ג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' פ', וזל"ש: כְּשֶׁאָדָם מְדַבֵּר בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, וּמֵבִין וְשׁוֹמֵעַ מַה יְּדַבֵּר, נִקְרָא קְדֻשָּׁה. וְיֵשׁ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה, כִּי נִבְנֶה מִזֶּה מֹחִין, שֶׁהִיא חָכְמָה, וְהַדִּבּוּר, שֶׁהוּא בְּחִינַת יְרוּשָׁלַיִם. וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים קמ"ז): "בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם ה'". כִּי **יְרוּשָׁלַיִם הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית י"ד): "וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם" וְתִרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: 'מַלְכָּא דִּירוּשָׁלַיִם', וְצֶדֶק הוּא בְּחִינַת הַדִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נ"ח): "צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן". **וַה' הוּא בְּחִינַת מֹחִין כַּנּוֹדָע.** אֵימָתַי הוּא נִבְנֶה, כְּשֶׁנִּדְחֵי יִשְׂרָאֵל, רוֹצֶה לוֹמַר מִי שֶׁהָיָה נִדְחֶה מִבְּחִינַת יִשְׂרָאֵל, וְאַחַר כָּךְ כּוֹנֵס, עכ"ל. יעיעו"ש בפנים.

**דיבור, איז עס קיין דיבור נישט. "בונה ירושלים ה'" - "ירושלים" מוז איך בויען מיט "ה'". "הוי"ה" איז די ארבע מוחין, און "ירושלים" איז דער דיבור; דעמאלט איז עס א בנין** (עיין שם).

**סיי וואס מען רעדט נאר - דארף מען זיך צוהערן; ווען מען דאוונט - דארף מען זיך צוהערן צום דאווענען[ד]; ווען מען לערנט דארף מען זיך צוהערן; דיבור אָן דעת איז נישט קיין דיבור.**

**מען דארף גוט וויסן; דער אויבערשטער זאגט[ה]:** ["בִּשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי, וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי" -] **אויב מען גיט מיר אפ כבוד מיטן דיבור אליין - דאס איז נאך נישט קיין כבוד; דער דיבור דארף זיין מיטן הארץ, מיטן מוח! אז ער רעדט צו מיר און דער מח איז נישטא ביים רעדן - זאגט דער אויבערשטער - "גיט ער מיר אפ כבוד נאר מיטן מויל". דאס מויל אליין איז ווינציג - איך וויל דו זאלסט מיר אפגעבן כבוד מיטן הארץ, מיטן מח, נישט נאר מיטן מויל אליין.**

**אז דער דיבור נעמט זיך פון 'דעת', איז דא אין דעם דיבור 'טוב', אבער אז דער דיבור איז אָן 'דעת', איז נישטא אין אים קיין 'טוב'.**

**זעהען מיר דאס גרויסקייט פון דעם ענין וואס בשעת מען דאוונט זאל מען זיך צוהערן צום דאווענען! פון נאך די דרייצן יאר איז מען מחוייב זיך צוהערן צום שמונה עשרה צו יעדעם דיבור![ו] בפרט די שמות – די שמות איז דאך א געוואלד, איז מען דאך מחויב זיך צו צוהערן.**

**א דיבור אָן 'דעת' - זאגט דער רבי - איז נישטא אין אים קיין 'טוב', ממילא ווערט ער נישט נתקבל, "בבחינת: 'גַּם בְּלֹא דַעַת נֶפֶשׁ לֹא טוֹב'. 'נפש' איז דער דיבור,** (כמו

---

[ד] עיין שיחות הר"ן אות ע"ה: בְּעִנְיַן הַתְּפִלָּה סִפֵּר רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִמָּנוּ הַרְבֵּה. וְהִזְהִיר מְאֹד לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה גְּדוֹלָה, דְּהַיְנוּ לְקַשֵּׁר הַמַּחֲשָׁבָה אֶל הַדִּבּוּר בְּקֶשֶׁר אַמִּיץ וְחָזָק שֶׁיַּטֶּה אָזְנוֹ הֵיטֵב וְיִשְׁמַע מַה שֶּׁהוּא מְדַבֵּר בַּתְּפִלָּה וְזֶה עִקַּר תְּפִלָּה בְּכַוָּנָה.

[ה] ישעי' כט, יג.

[ו] עיין שו"ע או"ח סי' צ"ח סעי' א'.

שכתוב:) 'וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה', מאכט דער תרגום: 'לרוח ממללא'". אָן 'דעת' איז דער נפש, דער דיבור, אָן טוב.

❖

## א גאנצער וועג געלויבט דעם רבי'ן

(אות ב') "ולהקים ולרומם את הדעת". דער רבי זאגט נישט - 'קומען צום דעת', נאר 'אויפהויבן דעם דעת'. דער 'דעת' איז דא. פריער זאגט דער רבי: "איך עושין הטוב בהדיבור?", אבער דא זאגט נישט דער רבי 'ולבא לדעת', נאר 'אויפהויבן דעם דעת'. דער 'דעת' איז דא, יעדער איינער איז באשאפן געווארן מיט מוחין, "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ"[ז], נאר דער 'דעת' שלאפט ביי מיר.

איז ווי אזוי הויבט מען אויף דעם 'דעת'? "ולהקים ולרומם את הדעת" - אויפהויבן דעם דעת, זאגט דער רבי, איז דורך 'שבח הצדיקים' - מען זאל לויבן דעם צדיק. "כשמשבחין ומפארין את הצדיקים" - אז מען טוהט לויבן דעם צדיק ווערט אויפגעהויבן דער 'דעת'. "בבחינת (דברים לב, יא) 'כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ'; 'נשרא' - דא רוחא (כמובא בתיקון ג' מהי"א תיקונים)", דאס איז דער צדיק, ווייל דער צדיק איז "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ" (במדבר כז, יח). 'כנשר' - ווערליג מען לויבט דעם צדיק, 'יעיר קנו' - אזוי דערוועקן זיך די מוחין, זענען די מוחין אויפגעוועקט מתרדמותן. "'קִנּוֹ' - דאָ 'קְנֵה חָכְמָה קְנֵה בִּינָה'" (משלי ד, ה), דאס איז די מוחין.

די מוחין זענען דא ביי יעדן איינעם, נאר זיי זענען פארשלאפן; איז אויפוועקן די מוחין מתרדמותן - פון דעם שלאף, פון מוחין דקטנות, פון שינה, איז דורך 'כנשר', ווערליג מען לויבט דעם צדיק. ער איז דער 'איש אשר רוח בו' וואס אזוי וועקט מען אויף די מוחין.

❖

[ז] תהלים קד, כד.

דאס איז א שבועות'דיגע תורה. עס איז טאקע א מעשה געווען ביים רבי'ן דעם שבועות: איינער איז געווען פון די גבירים דארט, האט ער געהאט דארטן עפעס א בלבול פון די פריצים, זיין פארמעגן איז געווען איינגעשטעלט, און אויך אים צו לייגן אין קייטן און פארשיקן אים. דאס געלט איז געלעגן ביי זיי, און ער האט געדארפט פארן קיין וויניצע נאך שבועות רעדן פאר די פריצים - פאר די גראפן דארט, אז זיי זאלן אים הערן וואס ער רעדט.

איז ער צוגעקומען צום רבי'ן נאך שבועות - 'היות ער דארף פארן קיין וויניצע, וואס זאל ער טוהן?' זאגט אים דער רבי[ח]: **"איך האב דאך דיר געזאגט א תורה!"**. ער האט דאך געדארפט האבן אז זיין דיבור זאל ווערן נתקבל, אז ווען ער וועט רעדן דארטן זאלן זיי הערן וואס ער רעדט.

'איך האב דאך אייך געזאגט א תורה!'.

האט ער שוין פארשטאנען; האט ער א גאנצע וועג גערעדט פון רבי'ן, געלויבט דעם רבי'ן. אויך ווען ער איז געקומען אין וויניצע דארטן אין אכסניא, האט ער אלץ גערעדט פון רבי'ן, געלויבט דעם רבי'ן.

ווען ער איז געקומען צו די פריצים און ער האט אנגעהויבן רעדן, איז געווארן דער דיבור נתקבל ביי זיי און זיי האבן אים אפגעגעבן דאס גאנצע געלט און מען האט אים נאך גאר איבערגעבעטן, עס איז געווארן גוט! - דאס שטייט אלץ אין "חיי מוהר"ן"[ט].

❖

## מיר האבן די כוחות!

דאס איז א געוואלדיגער לשון דא; אז עס קומט צו 'דעת' - זאגט דער רבי - 'אויפהויבן דעם 'דעת מתרדמותן'. נישט 'צוקומען צו דעת', ווייל דער דעת איז דא -

---

[ח] עיין חיי מוהר"ן אות כ"ט, שם משמע שאמר רביז"ל ביטוי זה אחר אמירת התורה 'חומר איסור גזילה' בסי' ס"ט.

[ט] אות כ'.

נאר ער שלאפט. 'אויפהויבן דעם דעת מתרדמותן' איז דורך 'שבח הצדיקים' - לויבן דעם צדיק, דערפון ווערט אויפגעהויבן דער מח.

דער רבי זאגט: אפילו די מלאכים אז זיי ווילן מאכן א דיבור וואס ס'זאל ווערן נתקבל אצלם, "בבחינת (תהלים קג, כ) 'עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ'", טוהען זיי אויך אזוי, זיי לויבן פריער דעם אויבערשטן וואס ער איז דער 'צדיקו של עולם' - דער אויבערשטער איז דאך דער צדיק פון דער וועלט, און דערנאך רעדן זיי דעם דיבור; "בָּרְכוּ ה' מַלְאָכָיו" (בתהלים שם) - זיי לויבן פריער דעם אויבערשטן, און נאכדעם מאכן זיי א דיבור וואס איז 'נשמע ונתקבל' (- "עושי דבָרו לשמוע" וכו').

גיט אונז דער רבי די אייגענע עצה אזוי ווי די מלאכים טוהען; אזוי ווי זיי לויבן פריער דעם אויבערשטן און נאכדעם האבן זיי א 'דיבור נשמע ונתקבל', דארפן מיר אויך אזוי טוהן, צו האבן א דיבור וואס איז 'נשמע ונתקבל' דארף מען פריער לויבן דעם צדיק, נאכדעם איז דער דיבור 'נשמע ונתקבל'. אזוי הויבט מען אויף דעם 'דעת'.

דאס איז אויך א געוואלדיגער מוסר, דער דעת איז דא ביי אונז, נאר ס'שלאפט - דער 'דעת' שלאפט. דער רבי זאגט אלץ, 'אויפשטעלן דעם דעת', 'אויפהויבן דעם דעת'.

וואס איז געווען דער חילוק פון צדיקים ביז נישט קיין צדיקים? האבן זיי געלייגט אנדערע תפילין? זיי האבן געהאט אנדערע מצוות התורה? זיי האבן אַן אנדערע תורה געהאט? קיין איין אות נישט מער און קיין איין אות נישט ווינציגער! אלע מצוות - אזוי ווי מיר טוהען האבן זיי אויך געטוהן! נאר וואס דען? זיי האבן אויפגעהויבן די מוחין, די מוחין איז ביי זיי נישט געשלאפן, די מוחין וואס זיי האבן געהאט איז געוואקסן, זיי האבן אויפגעהויבן די מוחין.

דורכן אויפהויבן די מוחין קען מען ווערן א צדיק! מען קען ווערן א מלאך א קדוש!

די מוחין זענען דא ביי אונז, מען דארף נישט גיין אין ערגעץ צו באקומען א מח, ער איז דא, דער מח איז דא ביי מיר - נאר ער שלאפט.

די 'כלי זיין' וואס מען דארף האבן אויף צו ווערן אַן איש צדיק, אַן איש כשר, איז ביי יעדן איינעם דא, ער דארף נישט גיין דאס בארגן ביי א צווייטן; נאר וואס דען, ער שלאפט.

דורכ'ן רעדן מיט חברים איינער מיטן אנדערן וועקט מען זיך אויף!

דער צדיק וועקט אויף!

רעדן צום אויבערשטן דיבורים דאס וועקט אויף!

דאס איז די (דריי) נקודות[י].

דאס איז אלץ עצות צו אויפוועקן אונזערע כוחות!

מיר האבן דאך די כוחות, נאר עס שלאפט ביי אונז; צו אויפוועקן אונזערע כוחות איז דא א עצה - די דריי נקודות: 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים', דער 'צדיק' - די ספרים פונעם צדיק, און 'חברים', אזוי וועק איך אויף מיינע כוחות וואס איך האב אין זיך.

עס איז א געוואלדיגע בושה; לעתיד וועט מען ווייזן דעם מענטש - 'זעה נאר וואספארא כוחות דו האסט געהאט!' אזוי ווי יענער איז אַן איש צדיק, יענער איז נאנט צום אויבערשטן, האסטו געהאט די אייגענע (כוחות), און אמאל קען זיין אז ער האט געהאט נאך מער גרעסערע כוחות ווי יענעם, נאר יענער האט אויפגעוועקט - און דו ביסט געשלאפן.

❖

## ער שלאפט שוין גארנישט...

נאך א זאך, איינער אז ער שלאפט, שלאפט ער און טוהט דאך גארנישט, טוהט ער דאך נישט קיין שלעכטס און נישט קיין גוטס. דא איז אבער אַן אנדערע זאך, דא אז מען שלאָפט - עס איז אזא מין שלאף וואס אז מען טוהט נישט קיין גוטס - אבער

---

[י] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד אות ח' שע"י שלשה נקודות אלו נתעורר לבבו ומסיר את ערלת לבבו.

**שלעכטס טוהט מען יא; אז די מוחין שלאָפן - טראכט מען עפעס אנדערש... די מוחין קענען נישט רוהען - קיין רגע קענען זיי נישט רוהען! א מח וואס טראכט נישט אין אידישקייט - און זאל נישט טראכטן עפעס אנדערש?!**[יא]**.**

**דער אויבערשטער זאגט**[יב]**: "כִּי שְׁתַּיִם רָעוֹת עָשָׂה עַמִּי, אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים, לַחְצֹב לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם". זאגט דער אויבערשטער דא צוויי זאכן: 'מיך האט איר פארלאזט - איר טראכט נישט פון מיר - איך בין דאך א 'מקור מים חיים". און 'לחצוב להם בורות נשברים אשר לא יכילו המים'.** (דאס הייסט, נישט נאר וואס) **איר טראכט נישט פון מיר און איר טוהט נישט גארנישט, נאר איר נעמט זיך 'בורות נשברים' - א גרוב אין וואס דאס וואסער קען זיך נישט האלטן דארט, דאס וואסער ווערט איינגעזאַפּט.**

**'וואספארא חילוף מאכסטו? טראכט בעסער פון מיר! פארוואס לאזטו מיך אפ און דו נעמסט זיך 'בורות נשברים אשר לא יכילו המים'?!'.**

**עס קען טאקע נישט זיין אנדערש; אויב נישט טראכטן פון דעם אויבערשטן - טראכט מען עפעס אנדערש.**

**דער רבי זאגט אין תורה ל"ה**[יג]**: אז מען שטעקט אריין א קנה אין א כלי וואס איז פול, גייט ארויס פון דארטן עפעס. אז די כלי איז פול, ווערט נחסר דער מקום אזוי פיל וויפיל דער שטעקן פארנעמט.**

---

[יא] עיין חיי מוהר"ן אות מ"ד: סִפֵּר לִי אִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁפַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִמּוֹ מֵעִנְיָן זֶה וְאָז בֵּאֵר קְצָת יוֹתֵר. וְאָמַר שֶׁהַמַּחֲשָׁבָה נִבְרֵאת שֶׁלֹּא תִּהְיֶה נָחָה לְעוֹלָם, וְהוּא כְּמוֹ הָאֵינוֹ נָח שֶׁבְּאֶבֶן הַשָּׁעוֹת (שֶׁקּוֹרִין אוּם רוּה) [שָׁעוֹן] **שֶׁאֵינוֹ נָח לְעוֹלָם**. וַאֲפִלּוּ בִּשְׁעַת שֵׁנָה הַמַּחֲשָׁבָה חוֹשֶׁבֶת לְעוֹלָם, רַק שֶׁכְּשֶׁהַשֵּׁנָה חֲזָקָה עַל הָאָדָם אָז הוּא שׁוֹכֵחַ מַה שֶּׁחָשַׁב, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין הַמַּחֲשָׁבָה שׁוֹבֶתֶת לְעוֹלָם. וְעַל כֵּן עַל יְדֵי שֶׁמַּטִּין הַמַּחֲשָׁבָה לְמַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת כִּרְצוֹנוֹ, עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְבַטֵּל וּלְהִתְגַּבֵּר עַל כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְהִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים.

[יב] ירמי' ב, יג. [וברש"י שם פירוש: **שתים רעות**. אם המירו יראתם בכיוצא בה - יש כאן רעה אחת, ועכשיו שאותי עזבו שאני מקור מים חיים ללכת אחרי העכו"ם שהם כבורות של מים מכונסין ונשברין ונסדקין ומימיהם נבלעים בסדקיהם - הרי שתים רעות].

[יג] וזל"ש אות א': וּכְשֶׁאָדָם מַכְנִיס בְּתוֹךְ שִׂכְלוֹ הַקָּדֹשׁ מַחֲשָׁבוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, הֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, אֲזַי נִתְמַעֵט קְדֻשַּׁת שִׂכְלוֹ, כְּפִי תְּפִיסַת הַמָּקוֹם שֶׁל חָכְמָה חִיצוֹנִיּוֹת, שֵׂכֶל חִיצוֹנִי, בְּתוֹךְ שֵׂכֶל הַקֹּדֶשׁ.

(טייטשט דארט דער רבי[יד]): "**נָעַץ קנה בַּיָּם**" - דאס שטייט ביי שלמה המלך'ן - "נָעַץ בים החכמה" - אין די מוחין ווערט נחסר דער מקום הקדושה, עס ווערט א 'שירטון' - א מין געמויזאכץ. "ועליו נבנה כרך גדול של רומי". רוים איז געווארן געבויעט פון דעם וואס 'נשא שלמה בת פרעה', איז געקומען דער מלאך גבריאל און געלייגט א שטעקן אין ים אריין, איז געווארן א 'שירטון', איז געווארן א שטאט רוים, וואס שפעטער מיט פיר הונדערט יאר האט ער חרוב געמאכט דעם בית המקדש.

זאגט דער רבי, פון אריינשטעקן א שטעקן אין מח אריין, דאס הייסט - אפלאזן דעם מח מיינער און נעמען אנדערע געדאנקען, בויען זיך אויס אלע מידות רעות אויף דעם שטעקן.

דאס איז א געוואלד! איך האב דאך אזא מין מח, איך קען זיין אַן איש צדיק, איך קען זיין אַן איש כשר - לאז איך אים אפ און לאז אריין דארט אנדערע זאכן וואס פון דארט נעמען זיך אלע מידות רעות.

❖

## 'אילו היו מתקבצים עלי יחד כל הרוצחים'

**עס איז דא טאקע אין די תפילה[טו]** (- בליקוטי תפילות)**: "אפילו עס וואלטן זיך צונויף גענומען אלע רוצחים פון דער וועלט און זיי זאלן מיר אנטוהן אלע מיני יסורים פון דער וועלט, וועלן זיי מיר נישט טוהן וואס איך אליין טוה זיך!".**

---

וְהַחָכְמָה חִיצוֹנִי הִיא נָעוּץ בְּתוֹךְ הַשֵּׂכֶל הַקֹּדֶשׁ כְּקָנֶה, וּמְחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה. וְעַל זֶה הַקָּנֶה, הַיְנוּ זֶה הַשֵּׂכֶל, מִתְלַקְּטִים וּמִתְחַבְּרִים כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת וּמְגֻנּוֹת.

[יד] שם בהמשך, וז"ל: וְזֶהוּ (סַנְהֶדְרִין כ"א:): '**כְּשֶׁנָּשָׂא שְׁלֹמֹה אֶת בַּת פַּרְעֹה, יָרַד גַּבְרִיאֵל וְנָעַץ קָנֶה בַּיָּם**'. הַיְנוּ שֶׁגַּם לְמַעְלָה, מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת יָרַד גַּבְרִיאֵל. נַעֲשָׂה סוּסְפִּיתָא דְּדַהֲבָא, הַיְנוּ בְּחִינַת קְלִפּוֹת, שֶׁהֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, הַנִּקְרָא גַּם כֵּן קָנֶה, וְנָעַץ בְּיַם הַחָכְמָה, שֶׁמְּחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה. '**וְהֶעֱלָה עָלָיו שִׂרְטוֹן**', הַיְנוּ בְּחִינַת מִדּוֹת מְגֻנּוֹת. '**וְעָלָיו נִבְנָה כְּרַךְ גָּדוֹל שֶׁל רוֹמִי**', הַיְנוּ נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, הַכָּרוּךְ אַחַר קְדֻשָּׁה.

[טו] תפילה פ"א, וזל"ש: וְאִלּוּ הָיוּ מִתְקַבְּצִים עָלַי יַחַד כָּל הָרוֹצְחִים וְהַגַּזְלָנִים וְהָאַכְזָרִים שֶׁבָּעוֹלָם לֹא הָיוּ יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת לִי בְּאֶלֶף שָׁנִים מַה שֶּׁאָנֹכִי עָשִׂיתִי לִי בְּעַצְמִי עַל-יְדֵי חֵטְא וּפְגָם אֶחָד שֶׁחָטָאתִי נֶגְדְּךָ! מִכָּל שֶׁכֵּן כִּי חֲטָאַי רַבּוּ מִסְּפֵר.

וואס קענען מיר טוהן אלע מיני רוצחים פון דער וועלט?! 'עינויים ויסורים קשים', זיך פארלייגן אלע יארן אויף איין מענטשן, אלע יסורים אנטוהן, קענען זיי מיר נישט טוהן וואס איך אליין טוה זיך!

מיר בעטן: "והסר מעלינו אויֵב" - אזוי בעט מען ביי מעריב. ווער איז דער 'אויֵב'? ווער איז דער פיינט מיינער? ווער טשעפעט מיך? איך האב דען עפעס א שונא אויף זיך? ווער איז דער שונא מיינער? ווער יאגט מיך? מען טשעפעט מיך?

נאר, אט דאס איז דער 'אויֵב' - דער יצר הרע דאס איז דער 'אויֵב'; ער טשעפעט מיך טאקע נישט, ער לאזט אלצדינג נאך, פארקערט, ער איז מיך געטריי - שלאף מערער, דו וועסט זיין אויסגערוהט, עסן בעסער, גיי אנגעטוהן שענער, פוץ זיך, האב הנאה – אט דאס איז דער פיינט, דאס איז דער 'אויֵב', דער וואס גלעט מיך, ער איז מיר געטריי...[טז]

אדרבה, אז ער וועט צוגיין צו א אידן וואס ער איז אַן איש כשר און ער וועט אים אנרעדן צו די מיאוס'ע תאוות, וועט ער אים נישט צוהערן; הויבט ער אים אָן מיט אביסעלע - אפלאזן דעם געדאנק פון דעם אויבערשטן - דארט ליגט באהאלטן דער נחש, דארט ליגט באהאלטן דער גרעסטער שונא.

אט דאס איז די גרויסקייט פון ישוב הדעת. מען זאל זיך מיישב זיין, מען האט דאך שוין אפגעציילט צוויי וואכן פון די ספירה - פון די זיבן וואכן "ז' נקיים" האט מען דאך

[טז] עיין במכתב הסתלקות מוהרנ"ת זצ"ל: וְאַחַר כָּךְ לָמַד וְסִיֵּם הַשַּׁ"ךְ גָּדוֹל, וְאָמְרוּ לוֹ שֶׁיִּלְמַד בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ קָטָן וָוארוּם סֶע פַאר אַייךְ אֵיין כֹּחַ, הָאט עֶר זַצַ"ל גִיזָאגְט: **זַייט אִיהר מִיר נִיט אַזוֹי גִיטְרַייא**, ע"כ. גם עיין ליקוטי הלכות הל' חול המועד ה"ד, אות א', וזל"ש בא"ד: הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְכָל הָאֲנָשִׁים הַכְּרוּכִים אַחֲרֶיהָ מְסִיתִין אֶת הָאָדָם **וְתוֹלִין הַכֹּל בְּרַחֲמָנוּת, כְּאִלּוּ יֵשׁ לָהֶם רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עָלָיו.** וְאוֹמְרִים לוֹ, מָה אַתָּה חוֹשֵׁב? הֲלֹא אַתָּה צָרִיךְ לִחְיוֹת לְפַרְנֵס עַצְמְךָ וְאִשְׁתְּךָ וּבָנֶיךָ וְאַתָּה צָרִיךְ לְרַחֵם עָלֶיךָ וַעֲלֵיהֶם לְבַקֵּשׁ פַּרְנָסָה?! וְעַל יְדֵי זֶה מְבִיאִין אוֹתוֹ שֶׁיִּפְרֹק מִמֶּנּוּ עֹל תּוֹרָה וְיַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ עֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ שֶׁהֵם כְּלַל כָּל הַל"ט מְלָאכוֹת וְהַיְגִיעוֹת בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה וּמְאוּמָה לֹא יִשָּׂא בַּעֲמָלוֹ. נִמְצָא, שֶׁעִקַּר הֲסָתַת הַסִּטְרָא אָחֳרָא לִפְרֹק עֹל תּוֹרָה וְלַעֲסֹק בִּיגִיעוֹת הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁהֵם בְּחִינַת הַל"ט מְלָאכוֹת, הוּא עַל יְדֵי רַחֲמָנוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, עַל יְדֵי שֶׁהֵם יוֹנְקִים מֵרַחֲמָנוּת דִּקְדֻשָּׁה וּמְהַפְּכִים הָרַחֲמָנוּת הָאֲמִתִּי לְרַחֲמָנוּת שֶׁלָּהֶם שֶׁבֶּאֱמֶת אֵינוֹ רַחֲמָנוּת כְּלָל, כִּי בֶּאֱמֶת **עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא הָרַחֲמָנוּת הָאֲמִתִּי** לְרַחֵם עַל הָאָדָם לַהֲבִיאוֹ לַתַּכְלִית הַנִּצְחִי ... עַל כֵּן בֶּאֱמֶת **בְּוַדַּאי הָרַחֲמָנוּת הַנַּ"ל שֶׁל הֶהָמוֹן עַם שֶׁהוּא רַחֲמָנוּת הַסִּטְרָא אָחֳרָא אֵין זֶה רַחֲמָנוּת כְּלָל.**

שוין אפגעציילט צוויי וואכן ספירה - מאך א חשבון ביי זיך: 'האב איך געהאט צוויי ריינע וואכן? פון די ז' נקיים האב איך כאטש געציילט די צוויי (וואכן) ריינע טעג?!'.

איי, פארוואס קען זיין נישט ריין? איך האב עפעס גע'הרג'עט א מענטשן? איך האב מחלל שבת געווען? איך האב קיין תפילין נישט געלייגט? נאר (מען רעדט) פון דעם וואס דער רבי זאגט דא: "אויפהויבן דעם מח" - דער מח זאל נישט זיין פארשלאפן! דאס וואס דער מח איז מיר פארשלאפן און מיין דיבור ווערט נישט 'נשמע ונתקבל' - אט דאס פעלט מיר. דער מח שלאפט.

מיט דעם רבי'נס זאך, דורך די עצות פון דעם רבי'ן, דורך חברים, און אלץ וואס דער ליקוטי מוהר"ן לערנט אונז, דארף מען האבן א וואַכעדיגער מח, נישט קיין פארשלאפענעם מח.

❖

## ניטאמאל קיין שטרוי אונטער דער פאדעשוועע

(חוזר לתורה כ"ט, אות ג') אויף דעם שבועות האט מען געבראכט דעם רבי'ן 'בגדים לבנים'[יז] - דער רבי האט דעם שבועות אנגעטוהן 'בגדים לבנים'. רעדט דער רבי שוין דא אין דער תורה פון 'בגדים לבנים' אויך.

עס איז א פלא'דיגע זאך - פלאי פלאות! אז דער רבי האט געזאגט שבועות די תורה, איז דאך דאס שוין געווען אויפגעשריבן ביים רבי'ן נאך פאר שבועות אויך; און פון די אלע זאכן וואס איז געשעהן געווארן אום שבועות איז געווארן די תורה דערפון...[יח]

---

[יז] עיין חיי מוהר"ן אות כ' הנ"ל.

[יח] עיין שיחות הר"ן אות קצ"ו: הַתּוֹרָה שֶׁלִּי גְּדוֹלָה מְאֹד. וְהִיא כֻּלָּהּ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ וִיכוֹלִין לֵידַע מִמֶּנָּה עֲתִידוֹת, שֶׁמִּי שֶׁיַּטֶּה עַצְמוֹ וְיַאֲזִין וְיַקְשִׁיב הַתּוֹרָה שֶׁלִּי יָכוֹל לֵידַע עֲתִידוֹת שֶׁיִּהְיֶה. וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר אַחַר כָּךְ כְּשֶׁנַּעֲשִׂין הַדְּבָרִים בָּעוֹלָם שֶׁאָז יְכוֹלִין בְּוַדַּאי לִמְצֹא הַכֹּל בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה שֶׁלִּי וְלִרְאוֹת וּלְהָבִין שֶׁהַכֹּל מְבֹאָר בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה שֶׁנֶּאֶמְרָה כְּבָר. גם עיין שם אות רי"א.

עס שטייט אין "חיי מוהר"ן" (שם): איינער האט געהאט א טאכטער וואס זי האט געהאט די חולאת 'חולי נופל'. איז ער געקומען מיט די טאכטער צום רבי'ן. רעדט דער רבי ווייטער פון 'חולי נופל'. דאס איז דאך פלאי פלאות! דאס וואס עס איז געשעהן געווארן איז אלץ נתעורר געווארן נאך פריער.

דער רבי רעדט דא פון 'בגדים לבנים'[יט]. דער רבי רעדט דא א שמועס אז מען דארף זייער היטן די בגדים אז זיי זאלן נישט האבן אין זיך קיין כתמים. אוודאי מיינט מען דארטן 'פגם הברית', נאר אפילו אזוי האט דער רבי אויך מקפיד געווען א מענטש זאל גיין ריין. נישט אז ער זאל האבן דארטן רייכע מלבושים; עס שטייט דאך אין דער מעשה פון דעם "בעל תפילה"[כ]: "אויף קליידער האט מען גארנישט געקוקט"; אבער אזוי, מען זאל זיין ריין, נישט פארשמירט. נישט נאר ברוחניות, נאר אפילו בגשמיות האט דער רבי אויך מקפיד געווען אז די בגדים זאלן זיין ריין[כא].

רבי נתן האט געזאגט טאקע: "אזוי ווי דער רבי האט געהיט די בגדים - דאס קען ער נישט!". דער רבי האט געהאט אזא הקפדה אז אפילו אונטער דער פאדעשווע האט נישט געטאָרט זיין קיין שטרוי און קיין זאך - אפילו אונטן! אזא מין ריינקייט איז געווען ביים רבי'ן. האט ער געזאגט אז ער קען דאס נישט. אזוי ריין ווי דער רבי האט געהאלטן, קען ער נישט.

---

[יט] וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת בְּגָדִים לְבָנִים, הַיְנוּ תִּקּוּן הַדִּבּוּר שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת פֶּה, הוּא בְּחִינַת בְּגָדִים לְבָנִים. כִּי צָרִיךְ לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַבְּגָדִים, שֶׁלֹּא יְבַזֶּה אֶת הַבְּגָדִים, רַק לְשָׁמְרָן כָּרָאוּי שֶׁלֹּא יָבוֹא עֲלֵיהֶם שׁוּם כֶּתֶם וּרְבָב. וְכָל מִי שֶׁהוּא גָּדוֹל יוֹתֵר, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּגָדִים יוֹתֵר. כִּי כָל מִי שֶׁגָּדוֹל יוֹתֵר, מְדַקְדְּקִין עִמּוֹ יוֹתֵר. וְעַל כֵּן תַּלְמִיד חָכָם שֶׁנִּמְצָא רְבָב עַל בְּגָדָיו חַיָּב מִיתָה (שַׁבָּת קי"ג), כִּי עִמּוֹ מְדַקְדְּקִין יוֹתֵר.

[כ] מעשה י"ב מספה"ק סיפורי מעשיות, עיין שם בתחילתה.

[כא] עיין עוד שיש"ק (חדש) ח"ג, ערך 'בגדים'. גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ז: הַבְּגָדִים הֵם בְּסוֹד הַחַשְׁמַ"ל, שֶׁהוּא שְׁמִירָה. וְעַל כֵּן הַבְּגָדִים יִהְיוּ שְׁלֵמִים תָּמִיד וְלֹא קְרוּעִים כִּי הוּא קִלְקוּל הַשְּׁמִירָה. הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת. (גֹּדֶל אַזְהָרָה זֹאת לִשְׁמֹר אֶת הַבְּגָדִים מִכְּתָמִים עַיֵּן לְעֵיל בְּסִימָן כ"ט), ע"כ. גם עיין אורחות צדיקים שער הגאוה: הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר בָּאָדָם, שֶׁיְּהֵא נָקִי בְּכָל עִנְיָנָיו, כִּי הַנְּקִיּוּת הוּא גָּדֵר שֶׁל מַעֲשִׂים טוֹבִים. כֵּיצַד? יִלְבַּשׁ בְּגָדִים בֵּינוֹנִים, וְלֹא מַלְבּוּשִׁים עֲנִיִּים הַמְבַזִּים לוֹבְשָׁם, אֶלָּא בְּגָדִים בֵּינוֹנִים נָאִים וּנְקִיִּים, הֶעָנִי לְפִי עָנְיוֹ וְהֶעָשִׁיר לְפִי עָשְׁרוֹ, **וְאָסוּר שֶׁיִּמָּצֵא כֶּתֶם אוֹ שַׁמְנוּנִית עַל בְּגָדָיו**, וְלֹא יִהְיוּ קְרוּעִים, **וְלֹא יִהְיוּ מְתֻקָּנִים כְּבִגְדֵי גַּסֵּי הָרוּחַ.**

דער רבי זאגט דא[כב], דורך 'פגם הבגדים' ווערט 'פגם נדה להשכינה' - דאס איז ביי די גרויסע מענטשן. זאגט דער רבי ווייטער, די רשעים דורך זייערע עוונות זענען זיי אויך גורם 'דם נדה לשכינה' - אזוי ווי די צדיקים דורך די 'פגם הבגדים'.

טייטש דער רבי איין דעם פסוק: "בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים"; זאגט דער רבי[כג]: "אל תקרי בגָדֶיךָ אלא בגִידֶיךָ" - די אדערן. מען ווייסט דאך, פון דעם מח ווערט געצויגן א לבנונית. דער מח אליין איז דאך ווייס, און ס'ציהט זיך דערפון א לבנונית אין אלע גידין, אין אלע אדערן. אין יעדעס אדער איז דא א חלל אינדערמיט, און די צינורות גייען פון דעם מח און עס ציהט זיך א לבנונית אין אלע גידין. "וְנוֹזְלִים מִן לְבָנוֹן" - זאגט דער זוהר - 'מִן לִבּוּנָא דְמֹחָא' - פון דעם מח רינט א (ווייסקייט, עיין להלן).

אז דער מענטש איז אבער עובר עפעס א זאך, ווערט אַן אדמימות, ווערן די אדערן רויט - נישט ווייס, עס ברענט שוין א חמימות פון תאוות. אט דאס זאגט ער: "בכל עת יהיו בגדיך לבנים" - 'בגידיך' - דיינע אדערן זאלן זיין ווייס; ווען איז דאס? איז דאך אלץ פון מח; אז דו וועסט אפהיטן דעם מח אז דער מח זאל נישט זיין פארשמירט מיט אנדערע געדאנקען, דעמאלט וועט זיך ציהען א לבנונית אין די אדערן אריין.

ביים רבי'ן גייט דער פירוש הפשוט צו צום פשט[כד]; עס איז טאקע ביידע אמת, סיי 'גידין', סיי 'בגד'; דער גיד איז אזוי ווי א בגד, אינעווייניג גייט אריין אין מח, און אינדרויסן איז ער פארשטעלט מיט א גיד.

---

[כב] וזל"ש בא"ד: **וְעַל יְדֵי זֶה עוֹשֶׂה פֵּרוּד בֵּין קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ**, בִּבְחִינַת 'נָחָשׁ מַשִּׁיךְ לָהּ לְגַבֵּהּ וְאַטִּיל בַּהּ זֻהֲמָא', בִּבְחִינַת דַּם נִדָּה, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה ס"ג): "מַדּוּעַ אָדֹם לִלְבוּשֶׁךָ" ... וְצָרִיךְ לְהַכְנִיעַ שִׁפְחָה בִּישָׁא, שֶׁהִיא עֵת רָעָה. בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת ט): "בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים", 'בְּכָל עֵת' דַּיְקָא. 'בְּגָדֶיךָ לְבָנִים', הַיְנוּ בְּלֹא רְבָב, הַיְנוּ בְּחִינַת טָהֳרַת הַשְּׁכִינָה מִנִּדָּתָהּ, בִּבְחִינַת 'דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב' (בְּכוֹרוֹת ו: נִדָּה ט). **וְהָרְשָׁעִים בַּעֲווֹנוֹתֵיהֶם גּוֹרְמִין אַפְרָשׁוּתָא בֵּין קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ**, כִּי גּוֹרְמִין לָהּ דַּם נִדָּה, וְאָז הִיא נִקְרֵאת עִיר הַדָּמִים, (נַחוּם ג'), וְעַל שֵׁם זֶה רְשָׁעִים נִקְרָאִים אַנְשֵׁי דָּמִים. כִּי שְׁסָ"ה לֹא תַעֲשֶׂה תְּלוּיִים בְּשְׁסָ"ה גִּידִים, שֶׁשָּׁם תַּהֲלוּכַת הַדָּמִים. וּלְפִי בְּחִינַת לֹא תַעֲשֶׂה שֶׁעוֹבְרִים, כֵּן מְעוֹרְרִים דַּם נִדָּה לְהַשְּׁכִינָה, כִּי כַּמָּה מִינֵי דָּמִים יֵשׁ.

[כג] וזל"ש: בְּכֵן צָרִיךְ לְהַמְתִּיק אֶת הַדָּמִים הָאֵלּוּ, הַיְנוּ לְתַקֵּן הַלָּאוִין שֶׁהֵם הַגִּידִין, וּלְהַמְשִׁיךְ לָהֶם לַבְנוּנִית, בִּבְחִינַת: 'דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב'. וְזֶהוּ: בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים בְּגִידֶיךָ דַּיְקָא, לְהַמְשִׁיךְ לָהֶם לַבְנוּנִית.

[כד] עיין כלל י"א מתוך הח"י כללים בהקדמת ספר ביאור הליקוטים.

# בלויז א שמעק

(אות ד') זאגט דער רבי אזוי[כה]: פארעכטן אלע אדערן פון אלע עבירות איז זייער שווער. דארף מען זעהן צו נעמען - עס איז דא איין גיד וואס איז כולל אלע גידים - אז מען וועט זיך נעמען צו דעם גיד וועט שוין ממילא פארראכטן ווערן אלע גידים. זאגט דער רבי, דאס איז דער ענין פון 'שמירת הברית' (שהוא בחינת) "וַיַּגֵּד לָכֶם אֶת בְּרִיתוֹ". דאס איז אויך א גיד פון די גידים, אבער ער איז כלול פון אלע גידים. אז דער גיד וועט זיין ביי דיר בשלימות, דו וועסט אים אפהיטן אזוי ווי מען דארף, וועט שוין ממילא זיין אלע גידים פארראכטן, עס וועט אלץ זיין פארראכטן. "בכל עת יהיו בגדיך לבנים".

טייטשט דער רבי[כו]: "וְהָיָה שַׁדַּ"י בְּבָצְרֶיךָ". "בצריך" - אין דיינע ענגע ערטער - דארטן קען דאך נישט צוקומען קיין שום תיקון. "שד"י" מיינט מען 'שמירת הברית' [בבחינת "אֲנִי אֵל שַׁדַּי פְּרֵה וּרְבֵה"[כז]], ווייל דאס איז א לשון פון 'ווארפן' - 'ששָׁדֵי ויורה כחץ' - ער וועט דיר ווארפן תיקונים אין אלע 'מקומות הצרים והדקים', ער וועט דיר אריינגיין אין דיינע ענגע ערטער וואס דארט קען קיין שום תיקון נישט זיין - און דורך דעם וועסטו דארטן האבן תיקונים.

'ברית' ווערט אנגערופן "זוהר הרקיע". אין זוהר הקדוש שטייט קעגן דעם פגם פון "שיטים" וואס די אידן זענען געווען דארטן ביי בלק'ן, אז וויבאלד זיי האבן פוגם געווען אין דעם פגם, איז דער רקיע פון אויבן שיינט נישט אויף זיי - דער "זוהר הרקיע". מיר זעהען דאס נישט, אבער די וואס האבן ליכטיגע אויגן זעהען זיי - זיי זעהען אז א פגום בברית איז דער הימל פון אויבן קעגן אים שווארץ, דער הימל שיינט נישט קעגן אים.

---

[כה] וזל"ש בהמשך: וּלְתַקֵּן כָּל הָעֲבֵרוֹת בִּפְרָטִיּוּת הֵם רַבִּים מְאֹד וְכָבֵד עַל הָאָדָם, וְאִי אֶפְשָׁר לְתַקֵּן אוֹתָם, כִּי יֵשׁ דִּקְדּוּקִים וּפְרָטִים רַבִּים בְּכָל לָאו וָלָאו. בְּכֵן צָרִיךְ לְתַקֵּן כְּלָלִיּוּת הַגִּידִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת (דְּבָרִים ד'): "**וַיַּגֵּד לָכֶם אֶת בְּרִיתוֹ**", וְאָז, עַל יְדֵי תִּקּוּן הַבְּרִית, שֶׁהוּא כְּלָלִיּוּת הַגִּידִין, נִתְתַּקֵּן מִמֵּילָא כָּל הַלָּאוִין שֶׁעָבַר, וְנִמְשָׁךְ לָהֶם לַבְנוּנִית.

[כו] שם: וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָא כְּלָלִיּוּת הַגִּידִין שֶׁהוּא הַבְּרִית קֹדֶשׁ, 'שַׁדַּי', עַל שֵׁם 'שֶׁשָּׁדֵי וְיוֹרֶה כְּחֵץ' לַבְנוּנִית וְתִקּוּנִים לְכָל פְּרָט וּפְרָט כְּפִי צָרְכּוֹ, וַאֲפִלּוּ לַמְּקוֹמוֹת הַצָּרִים וְהַדַּקִּים. כִּי יֵשׁ מְקוֹמוֹת צָרִים וְדַקִּים שֶׁאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְשָׁם שׁוּם תִּקּוּן כִּי אִם עַל יְדֵי תִּקּוּן הַכְּלָלִי, שֶׁהוּא זוֹרֵק לַבְנוּנִית וְתִקּוּנִים גַּם לַמְּקוֹמוֹת הַצָּרִים וְהַדַּקִּים. בִּבְחִינַת (אִיּוֹב כ"ב): "וְהָיָה שַׁדַּי בְּצָרֶיךָ" שֶׁשָּׁדֵי וְיוֹרֶה תִּקּוּנִין לְכָל מְקוֹמוֹת הַצָּרִים.

[כז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"א אות ג'; שם סי' כ"ג אות ד'.

דער זוהר הרקיע, דאס ליכטיגקייט פון הימל, שיינט אויף דעם דאזיגן וואס ער האט נישט פוגם געווען, דערפאר ווערט 'ברית' אנגערופן 'זוהר הרקיע'.

זאגט דער רבי[כח]: פאר דעם תיקון, איז "יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲווֹנוֹ" - די הימלען זאגן אויס. ווי אזוי זאגן זיי אויס? ווייל דער הימל איז דעמאלט שווארץ ביי אים, די הימלען זאגן אויס ווער ער איז. אבער נאך דעם תיקון, ווערט 'אזי מזהיר ומטהר את הרקיע', עס ווערט ביי אים 'זוהר הרקיע'.

זעהען מיר דאך אלץ ארויס פון די אלע זאכענישן; דער אויבערשטער זאגט[כט]: "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'" - 'דו מיינסט אז דו וועסט זיך באהאלטן? פאר וועמען באהאלסטו זיך? פאר מיר?' - "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא!" פאר מיר קען מען זיך נישט באהאלטן! און די וואס האבן ליכטיגע אויגן זעהען זיי באלד! באהאלטן דארף מען זיך נאר באהאלטן אין א ווינקעלע, זיך אויסרעדן פאר השי"ת, אט דאס הייסט פארבאהאלטן זיך.

אז דער אויבערשטער העלפט, די נקודה פון יראת ה' איז נאר א ריח. אז דער רבי רעדט דארט אין תורה כ"א וועגן היטן די אויגן - זאגט דער רבי: "יעצים עיניו מראות ברע". אז דער רבי רעדט דארטן פון היטן דאס מויל - (זאגט דער רבי) 'ער זאל היטן דאס מויל פון זאגן א שקר'. רעדט דארט דער רבי אלץ אז ער זאל עפעס טוהן - 'פארמאכן די אויגן', 'פארמאכן דאס מויל'. אבער אז עס קומט צו יראת ה', צום חוטם, זאגט דער רבי: "וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'" - דאס איז א ריח. וואס זאל ער טוהן? וואס איז דאס? דער רבי זאגט: "יראת ה'" איז נאר א 'ריח'!

---

[כח] שם: וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָא בְּרִית: **'זֹהַר הָרָקִיעַ'**. כִּי קֹדֶם הַתִּקּוּן, אֲזַי הָרָקִיעַ הוּא בִּבְחִינַת (אִיּוֹב כ): **"יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲווֹנוֹ"**. וְאַחַר הַתִּקּוּן, אֲזַי מַזְהִיר וּמְטַהֵר אֶת הָרָקִיעַ, בִּבְחִינַת לָשׁוֹן שֶׁל זְהוֹרִית, שֶׁהוּא מַלְבִּין עֲווֹנוֹתֵיהֶן שֶׁל שְׁסָ"ה לָאוִין, וּמַשְׁפִּיעַ לַבְנוּנִית בִּשְׁסָ"ה גִּידִין, בִּבְחִינַת: 'בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים'.

[כט] ירמי' כג, כד.

דער מדרש זאגט טאקע[ל]: "לא תנאף" - 'לא תהנה אף'. אז דער ריח איז דא - איז אלצדינג דא. דער ריח איז א שומר; אז עס איז דא אין מיר דער ריח, היט ער מיך, ער היט די אויגן אז די אויגן זאלן נישט קוקן, ער היט דעם געדאנק, דער ריח היט אלעס[לא].

דער רבי זאגט טאקע[לב]: "פארוואס זוכט איר מיר נישט?!"

**"איך בין אַן אוצר פון יראת שמים, פארוואס זוכט איר מיר נישט?!".**

דעם רבי'ן דארף מען זוכן און אריינגעמען דעם רבי'ן אומעטום - אומעטום אין אלע מקומות. אז מען נעמט אריין דעם רבי'ן, נעמט מען אריין דעם תיקון פון פגם הברית אין זיך אריין, גייט ער אריין אין אלע 'מקומות הצרים והדקים', ער לאזט נישט רוהען, ער לאזט נישט! ער לאזט נישט קוקן, ער לאזט נישט רעדן, ער לאזט נישט הערן!

אט דאס הייסט אז דער 'ריח' איז אריין - אז דער 'צדיק' איז אריין, ער איז דא דא! דארף מען אים טאקע אריינגעמען אומעטום.

❖

## געשריגן פריש און געזונט

(אין די וועלט) ווינטער - רעגנט און שנייט, און זומער איז לעבעדיגער, זומער איז פרייליכער. אבער ערליכע אידן אז עס איז געקומען דער זומער האבן זיי זייער געציטערט פאר דעם זומער מער ווי פון ווינטער. היינט איז געווארן א גרויסער נסיון פון די בגדים, די בגדים זענען נישט בסדר.

זומער דארף מען טאקע אסאך בעטן דעם אויבערשטן, אסאך נעמען דעם 'כלי זיין' פון דעם רבי'ן, אסאך רעדן צום אויבערשטן דיבורים ביים ארויסגיין אינדרויסן - אויב

---

[ל] מדרש רבה נשא פר' י', פס' ב'.

[לא] עיין שם בהתורה: "כַּנֶּשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ". 'נִשְׁרָא' דָּא רוּחָא, שֶׁהוּא כְּלָלִיּוּת הַגִּידִין, בִּחִינַת (יְהוֹשֻׁעַ ב): "וְלֹא קָמָה עוֹד רוּחַ בְּאִישׁ". 'יָעִיר קִנּוֹ' שֶׁהוּא מְעוֹרֵר 'קְנֵה חָכְמָה קְנֵה בִּינָה', מִבְּחִינַת שֵׁנָה. 'עַל גּוֹזָלָיו יְרַחֵף' **שֶׁהוּא מְרַחֵף וּמֵגֵן עַל הַמֹּחִין**, וכו' עיי"ש, מובא להלן.

[לב] חיי מוהר"ן אות רצ"ה.

מען מוז גיין. אויב מען קען זיך אפהאלטן מען זאל נישט גיין, דארף מען אודאי וואס ווינציגער גיין. נאר אז מען מוז שוין גיין אינדרויסן בהכרח, זאל מען בעטן דעם אויבערשטן "ושמור צאתנו ובואנו" - מיין ארויסגיין זאל זיין "לחיים ולשלום".

וואס איז די עצה? די עצה איז נישט צו ווערן מרה שחורה'דיג; די עצה איז, מען זאל נעמען די 'כלי זיין'; די 'כלי זיין' איז, 'ישוב הדעת' - זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן!

מיר דרייען זיך ארום דא, און מיר האבן א גוף, און מען מוז ארויסגיין אמאל; דאס קען נישט זיין אין דער וועלט אז דער אויבערשטער זאל אונז אזוי צופירן אז מען זאלן בשום אופן נישט קענען זיך היטן! עס קען אין דער וועלט נישט זיין אז דער אויבערשטער קומט 'בטרוניא עם בריותיו', אז ער שיקט אונז אָן אזא מין סארט וועלט, אזא מין סארט 'הילוך' - 'און זעה - דראפע זיך!' - עס קען דאך נישט זיין מען זאל ווערן פון אונז אזא זאך וואס איז העכער פון אונזערע כוחות - דאס קען אין דער וועלט נישט זיין! - דאס איז א כפירה. אז מען האט אונז אנגעשיקט אזא מין סארט (נסיון), איז דא כוחות![לג].

אין אזא דור וואס עס טוהט זיך אינדרויסן, האט מען אונז צוגעשיקט א רבי'ן, א רבי'ן מיט עצות, ספרים הייליגע, מיט חברים, אז מיר קענען זיך דערהאלטן אז מען זאל יא קענען איינשטיין אין די מלחמות; נאר אוודאי דארף מען ניצן די 'כלי זיין'.

דער "אָמַר אוֹיֵב אֶרְדֹּף אַשִּׂיג". פלעגן אונזערע לייט זאגן, 'דאס גייט ארויף אויף כסדר'; דער 'אויֵב' זאגט: 'איך וועל אים נאכאמאל נאכיאָגן'. 'אשיג' - איך וועל אים גרייכן, 'אחלק שלל' - איך וועל זיך איינטיילן מיט זיין פארמעגן. כאטש ער האט דאך געהאט א מפלה און ער איז דערטרונקען געווארן, מען האט אים געגעבן... זאגט ער, 'איך וועל גיין נאכאמאל!'.

---

[לג] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' לך לך תקצ"ב: וְגַם בָּזֶה יְכוֹלִין לִרְאוֹת וּלְהָבִין יְשׁוּעַת ה' בְּכָל עֵת, שֶׁאֵין שׁוּם מְנִיעָה בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יוּכַל לְשַׁבְּרָהּ, כִּי **אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹלֵחַ עַל הָאָדָם דָּבָר שֶׁלֹּא יוּכַל לִסְבֹּל בְּשׁוּם אֹפֶן**. וְזֶה רֶמֶז לְכָל אָדָם לְכָל עִנְיְנֵי מְנִיעוֹת וְתַאֲווֹת שֶׁלּוֹ, שֶׁבְּוַדַּאי אִם לֹא הָיָה לוֹ כֹּחַ לְשָׁבְרָם, לֹא הָיָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹלֵחַ עָלָיו דְּבָרִים כָּאֵלֶּה, וּבְוַדַּאי יֵשׁ דֶּרֶךְ לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גַּם מִמְּקוֹמוֹת הָאֵלֶּה, וְהָבֵן זֶה מְאֹד מְאֹד, וּצְרִיכִין לְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּחְמֹל עָלָיו בְּכָל עֵת, וְיוֹרֵהוּ הַדֶּרֶךְ אֵיךְ לְהִתְקָרֵב אֵלָיו מִמְּקוֹמוֹת הָאֵלֶּה וּמֵעִנְיָנִים הָאֵלֶּה שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו.

ווער איז דער 'אויֵב'? ווער יאגט מיך, ווער טשעפעט מיך? עמיצער טשעפעט מיך? אט דער 'אויֵב', דער פיינט, דער שונא, לאקערט כסדר אויף מיר! אז ער זעהט אז מען האט אים נישט געפאלגט איינמאל און נאכאמאל - 'איך גיי נאכאמאל, איצטער וועל איך אים פאקן!'. דער מענטש זאל וויסן - ער לאקערט אויף מיר כסדר, ער לאזט מיך נישט אפ!

דארף מען וויסן, נעמען, האלטן דעם 'כלי זיין' פון דעם רבי'ן אין די הענט, רעדן צום אויבערשטן אלע טאג דיבורים, זיך אויסרעדן פאר השי"ת - 'געוואלד מיר געפינען זיך אין דעם דור וואס איז אזא מין סארט מסוכנ'דיגקייט ווען מען גייט ארויס, און די לבושים זענען אזוי אפגעלאזט אז עס איז געוואלדיג, גיב מיר כוחות איך זאל קענען איינשטיין!' (כשאדם מתפלל כן,) ממילא וועל איך זיך שוין דערוויטערן ווי ווייט איך קען, וואס ווייניגער זיך דרייען אינדרויסן. אבער אז מען מוז שוין 'בהכרח בהכרח בהכרח' - - (דארף מען טאקע זעהן צו מתפלל זיין).

עס ווערט געבראכט: זומער איז דא 'פרקי אבות', מוסר, ווייל זומער איז די סכנה מערער ווי ווינטער.

מוז מען טאקע נעמען די כלי מלחמה, די כלי זיין, האלטן שטארק די 'כלי זיין' אין די הענט, נישט אפלאזן, נישט אפלאזן פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים! יעדער איינער ווייסט דארטן זיינע בלבולים - אלצדינג אויסרעדן פאר השי"ת.

ברוך ה', עס איז דא ביי אונז דעם רבי'נס דיבורים, עס איז דא ביי אונז תפילות, מכתבים, עס איז דא, מיר האבן די 'כלי זיין' ברוך השם, מען קען גיין אנטקעגן, מען קען כובש זיין אויך, מען קען איינעמען אויך, טאקע כובש זיין מלחמות.

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה פון "אמור אל הכהנים"[לד]: "אלע מלחמות וואס מען מאכט, און אלע כבישות וואס מען איז כובש" - אז איינער האלט מלחמה וויל ער דאך איינעמען דער מלחמה; "זיך איינשטעלן און אריינגיין אין די מלחמה און כובש זיין, דאס איז אלץ פון תפילה!".

---

[לד] ליקוטי מוהר"ן סי' ב' אות א'.

**וואס מען האלט מער אט די 'כלי זיין' אין די הענט, איז מען מער כובש!**

**אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז א מבין און מען פילט יעדעם קלייניקייט ווי אזוי דאס איז מזיק - צו דעם דארף מען אויך זיין (א מבין)[לה]; "שוטה אינו מרגיש"[לו] - ער פילט גארנישט; א קוק, א טראכט, א רעד, דאס איז א מזיק! דאס איז א מזיק אין מח און אין הארץ! אויב מען פילט אז דאס איז א קלאפ - לאזט מען זיך נישט, שווייגט מען נישט!**

**רבי נחמן טולטשינער האט געזאגט דארטן: "אזוי האבן געשריגן אמאליגע ערליכע אידן ווען זיי זענען געווען פריש און געזונט!".**

**ער האט געהאט א יולדת, האט זי געשריגן דארטן פאר דער לידה, זי האט געגעבן קולות. האט ר' נחמן טולטשינער געזאגט: "אזוי האבן געשריגן די ערליכע אידן בשעת זיי זענען געווען פריש און געזונט!".**

**א יולדת שרייט מיט קולות, זי גיט קולות...**

**"אזוי האט מען אמאל געשריגן ווען מען איז געווען פריש און געזונט צום אויבערשטן!"[לז].**

❖

---

[לה] וכמו שמתבטא רביז"ל בליקוטי מוהר"ן סי' קמ"א: אִם יִזְכֶּה שֶׁיַּרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאָיו הַיְנוּ כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ. כִּי כָּל זְמַן שֶׁלִּבּוֹ עָרֵל וְאָטוּם, אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת, רַק כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ, וְיִהְיֶה לוֹ חָלָל בַּלֵּב, וַאֲזַי יַרְגִּישׁ לְבָבוֹ בֶּאֱמֶת גֹּדֶל כְּאֵבוֹ, וְיִצְטַעֵר וְיִתְחָרֵט בֶּאֱמֶת.

[לו] עיין גמ' שבת יג:

[לז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ו אות א': וּכְשֶׁהַנֶּפֶשׁ שֶׁל בֵּית יַעֲקֹב בָּאָה בַּגָּלוּת תַּחַת יַד שִׁבְעִים לְשׁוֹנוֹת, הַיְנוּ בְּמִדּוֹתֵיהֶם הָרָעִים. אֲזַי הִיא רָאמַת שִׁבְעִין קָלִין, כַּיּוֹלֶדֶת שֶׁקֹּדֶם הַלֵּדָה הִיא צוֹעֶקֶת שִׁבְעִין קָלִין (זֹהַר פִּינְחָס רמ"ט:).

# אריין א פוס - ארויס א פוס!

דער רבי זאגט ווייטער; "כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ עַל גּוֹזָלָיו יְרַחֵף". זאגט דער רבי: "כנשר" - דאס מיינט מען דעם צדיק, "על גוזליו ירחף" - ער איז מגין אויף די מוחין וואס זענען געווארן ביי מיר צוגע'גזל'ט, (בבחינת) "גּוֹזֵל אָבִיו וְאִמּוֹ" - שהם 'אב בחכמה ואם לבינה' - דאס איז די מוחין - 'חכמה ובינה'.

דאס איז דאך א געוואלדיגער לשון - 'ער גזל'ט אוועק די מוחין', 'איז דער צדיק מגין אויף די מוחין וואס זענען געווארן גע'גזל'ט פון אים!'.

'מען גזל'ט אוועק ביי מיר די מוחין!'

זאגט דער רבי: "וזה עיקר התקרבות ישראל לאביהם שבשמים" - דורך תיקון הברית איז דער 'עיקר התקרבות ישראל לאביהם שבשמים'. אזוי ווי עס שטייט: "וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי"; "'ואשא אתכם על כנפי נשרים', על ידי זה דייקא 'ואבא אתכם אלי'". דורך וואס קען איך אייך ברענגען צו מיר? דורך 'כנפי נשרים'. 'נשרים' דאס איז דער רוח פון דעם 'צדיק', און 'תיקון הברית'.

טייטשט דער רבי איין 'נשרים' צוויי מאל; איינמאל טייטשט דער רבי איין 'נשרים' - דער צדיק, און ווייטער טייטשט איין דער רבי 'נשרים', אז דאס איז 'תיקון הברית'. זאגט טאקע דער "פרפראות"[לח]: 'נשרים' מיינט מען צוויי מאל, אי דעם 'צדיק', אי די זאך פון 'תיקון הברית'.

אז דאס 'עיקר התקרבות להשם יתברך' איז דורך 'תיקון הברית', קען זיך שוין פארשטיין דעם היפך, אז דער עיקר התרחקות איז דורך 'פגם הברית'.

---

[לח] עיין שם על התורה, באות י"א: עיקר התקרבות ישראל לאביהם שבשמים הוא על ידי תיקון הברית בבחינת (שמות י"ט) ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי. עיין זוהר בשלח (ס"ט) לא בעא קודשא בריך הוא למיהב להו אורייתא עד דקריבו בהדיה. ובמה קריבו בהדיה? בגילויא דרשימא דא וכו'. לא קריבו ישראל לטורא דסיני עד דעאלו בחולקא דצדיק וזכו ביה וכו'.

אזוי ווי אין דער קדושה – אויף יעדעס ריר טוהט זיך; דער רבי זאגט[לט]: "**איך וויים און איך גלויב, אז יעדעס ריר וואס מען גיט זיך א ריר, יעדע העתקה, יעדע הזזה וואס מען גיט זיך א ריר אין דער קדושה, ווערן דערפון אפגעטוהן געוואלדיגע תיקונים, אזעלכע כלים!**" אזוי איז פארקערט אויך, אויף יעדעס ריר וואס מען גיט זיך א ריר, ווערט געוואלדיגע קלקולים[מ].

אבער איך דארף זיך נישט לאזן; אז איך האב זיך געגעבן א ריר (שלא כהוגן) - - אונזערע לייט פלעגן זאגן[מא], די וועלט איז אזוי ווי א געדעכטע בלאטע; "**אריין א פוס - ארויס א פוס, אריין א פוס - ארויס א פוס**"; שטיין - **טאר איך נישט שטיין!**

דוד המלך זאגט[מב]: "**טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד**". פלעגן זיי זאגן, עס איז א געוואלדיגע זאך; דאס אז איך קען נישט איינשטיין דאס איז גאר אַן עצה; אז 'טבעתי

---

[לט] עיין שיחות הר"ן אות י"א: וְאָמַר: **זֶה אֲנִי מַאֲמִין וְגַם אֲנִי יוֹדֵעַ** הַרְבֵּה בְּעִנְיַן זֶה, **שֶׁכָּל הַתְּנוּעוֹת** וְכָל הַמַּחֲשָׁבוֹת וְכָל מִינֵי הָעֲבוֹדוֹת שֶׁעוֹשִׂין בִּשְׁבִיל אֵיזֶה עֲבוֹדָה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה **אֵין שׁוּם תְּנוּעָה וְאֵין שׁוּם מַחֲשָׁבָה נֶאֱבֶדֶת כְּלָל.** וּכְשֶׁזּוֹכִין לִשְׁבֹּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְלִגְמֹר הָעֲבוֹדָא שֶׁבִּקְדֻשָּׁה **אֲזַי נַעֲשִׂין מִכָּל הַתְּנוּעוֹת** וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁהָיוּ לוֹ בְּעִנְיָן זֶה, קֹדֶם שֶׁשָּׁבַר וְעָבַר עַל כָּל הַמְּנִיעוֹת בְּעֵת שֶׁהָיָה מְסֻפָּק וּמְבֻלְבָּל וְהָיָה עוֹמֵד עַל הַמִּשְׁקָל אִם לַעֲשׂוֹת דָּבָר זֶה, וְהַמְּנִיעוֹת הָיוּ מוֹנְעִים אוֹתוֹ מִכָּל צַד, אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁזּוֹכֶה לַעֲבֹר עַל כָּל זֶה וְלִשְׁבֹּר הַכֹּל אֲזַי נַעֲשִׂין מִכָּל הַמְּנִיעוֹת וּמִכָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַתְּנוּעוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים הַנַּ"ל **דְּבָרִים עֶלְיוֹנִים לְמַעְלָה בִּקְדֻשָּׁה**, וְהַכֹּל נִרְשָׁם לְמַעְלָה לְטוֹבָה **כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה** שֶׁהָיָה לוֹ מִקֹּדֶם כַּנַּ"ל. אַשְׁרֵי כְּשֶׁזּוֹכִין לִקְפֹּץ עַל כָּל הַמְּנִיעוֹת וְזוֹכִין לִגְמֹר וְלַעֲשׂוֹת אֵיזֶה עֲבוֹדָה טוֹבָה.

[מ] עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד, אות ג': עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל אָדָם לֵידַע שֶׁחוּט הַשַּׂעֲרָה יָקָר מְאֹד מְאֹד **וְהוּא תָּלוּי בְּכָל עֵת בְּחוּט הַשַּׂעֲרָה** שֶׁיָּכוֹל הָאָדָם לְקַלְקֵל הַרְבֵּה מְאֹד עַל יְדֵי חוּט הַשַּׂעֲרָה חַס וְשָׁלוֹם. וְכָל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן שֶׁיָּכוֹל לְתַקֵּן הַרְבֵּה עַל יְדֵי חוּט הַשַּׂעֲרָה, כִּי מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה מִמִּדַּת פֻּרְעָנֻיּוֹת ... עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהַשְׂכִּיל עַל דְּרָכָיו בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מְאֹד שֶׁלֹּא תַּתְחִיל מַחֲשַׁבְתּוֹ לָצֵאת חוּץ מִגְּבוּל הַקְּדֻשָּׁה חַס וְשָׁלוֹם, **אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה**, כִּי עַל יְדֵי פְּגַם כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה שֶׁנּוֹטֶה מִן הַדֶּרֶךְ יָכוֹל לִתְעוֹת הַרְבֵּה בִּדְרָכִים נְבוֹכִים חַס וְשָׁלוֹם, וְכַמּוּבָן בִּדְבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל פָּסוּק תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד (בְּלִקּוּטֵי חֵלֶק א). וְאַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לֵידַע גַּם הַהֵפֶךְ, שֶׁכְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עָלָיו מְאֹד וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁכְּבָר נִתְעָה כָּל כָּךְ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לַעֲמֹד כְּנֶגְדָּם צָרִיךְ לֵידַע וּלְהַאֲמִין **שֶׁכָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה** שֶׁיְּנַתֵּק וְיַמְשִׁיךְ אֶת עַצְמוֹ מֵהֶם **אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה** הוּא יָקָר מְאֹד מְאֹד בְּלִי שִׁעוּר, יעוער"ש.

[מא] על פי השיחה מרביז"ל, מובא בשיש"ק ח"ג אות קכ"ב, זה לשונו: רבינו הקדוש אמר: "**אז מען פאלט אין בלאטע, טאר מען דארט נישט בלייבן, נאר א פוס אריין - א פוס ארויס, א פוס אריין - א פוס ארויס; און דער לעצטער פוס וועט שוין זיין אינדרויסן!**".

[מב] תהלים סט, ג.

ביון מצולה', איז די עצה, 'ואין מעמד' - שטיי נישט! אריין א פוס - ארויס א פוס! טאמער ווערסטו שטיין, וועסטו גיין אלעמאל טיפער און טיפער! 'ואין מעמד' - איך קען נישט איינשטיין![מג] אז איך קען נישט איינשטיין - טאר איך נישט איינשטיין! אז ער גיט א קלאפ דארף איך שוין אריינעמען אין מח גוטע געדאנקען.

## דער קעגנזייטיגער קאמף

דער רבי זאגט[מד]: דער אויבערשטער האט א נחת רוח דערפון; אזוי ווי ביי א מלך שטעלט מען אוועק (חיות) דארטן, מען שלאגט זיך, ער וויל זעהן ווער עס איז מנצח. אזוי אויך שיקט אמאל דער אויבערשטער אויף א מענטשן 'מחשבות רעות' און 'מחשבות קדושות', ווייל ער וויל זעהן ווער עס וועט מנצח זיין, ווי אזוי וועט ער כובש זיין, ווי וועט ער זיך האלטן. דערפאר שיקט ער אים אָן 'חיות טהורות' און 'חיות טמאות'. דער רבי זאגט: 'חיות טהורות' דאס איז 'מחשבות קדושות', און 'חיות טמאות' דאס איז 'מחשבות רעות'. ער וויל זעהן ווער עס וועט מנצח זיין.

געווענטליך (- פארשטייט זיך), אז דער מענטש לאזט זיך אפ, זענען די 'חיות טמאות' מנצח, אבער אז ער לאזט נישט, זענען די 'חיות טהורות' מנצחַ.

דאס איז אויף כסדר! דער אויבערשטער וויל זעהן - ער וויל זעהן ווער איז מנצח, צו שלאגט ער זיך - צו נישט.

עס קען זיין אמאל איינער וואס ער גייט נישט אריין אין די זאכן - און ער (הבע"ד) זאל אים גאר אפלאזן אויך. נאר ווען ער הויבט אָן אריינגיין אין אידישקייט, הויבט זיך אָן מיט אים מער קאָכן. איז די קשיא, פארוואס? לאמיך 'דארטן'! צו וואס דארף איך דאס האבן? זאל זיך מיט מיר ווינציגער קאכן!?

דער תירוץ איז, עס נישט אזוי; איידער ער גייט אריין אין אידישקייט קאכט זיך נישט מיט אים, ווייל דער בעל דבר לאזט אים צו, 'וואס אַרט מיר ער ליגט - זאל ער

---

[מג] עיין גם שיחות הר"ן אות קכ"ט.

[מד] ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ג.

ליגן', אבער אז ער וויל אריינגיין אין אידישקייט, ער וויל זיך אנהויבן ארום רייניגן, אָה, דאס נעמט אים ארויס, דא שווייגט ער שוין נישט[מה]. ער לאזט דאך אפ די גאנצע וועלט און ער נעמט זיך צו אידן, און ער לאזט אפ אלע אידן און ער נעמט זי צו די תלמידי חכמים[מו].

מען זעהט דאך, ער האט אַן עסק נאר מיט די אידן וואס זיי ווילן זיך אביסל רייסן! זיי ווילן זיך נישט אפנאַרן! זיי ווילן זיך אביסל מיישב זיין! - נאר מיט זיי האט ער אַן עסק! אבער וואס האט ער מיט 'זיי' (- עם אלו שעדיין לא נכנסו בעבודת ה') צו טוהן?! ער איז דאך זיינער, ער גייט נישט אוועק פון אים!

דער רבי דערציילט אין דער מעשה פון "דעם זעקסטן טאג"[מז], 'ער האט געזעהן עפעס אז זי וועט אויפשטיין און אים הרג'ענען' - "ער האט זיך גע'חלומ'ט אז זי וועט אים הרג'ענען. איז געווארן א שנאה, און זי איז אנטלאפן, און ער האט איר נאכגעשאסן!" - אלץ ווייל ער האט געזעהן אז זי וועט אויפשטיין און אים הרג'ענען.

❖

## נאר די הענט ארבעט

(אות ה') דער רבי זאגט[מח]: "ובזה" - אין דעם ענין פון 'תיקון הברית', "תלוי פרנסה בלי טורח, שהוא בחינת 'לֶחֶם מִן הַשָּׁמַיִם'".

---

[מה] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קי"ז.

[מו] גמ' סוכה נב.

[מז] מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות, עיין שם אצל הסיפור של יום שישי.

[מח] וזל"ש: וּבָזֶה תָּלוּי פַּרְנָסָה בְּלִי טֹרַח, שֶׁהוּא בְּחִינַת (שָׁם ט"ז): "לֶחֶם מִן הַשָּׁמַיִם". הַיְנוּ עַל יְדֵי תִּקּוּן הַכְּלָלִי, שֶׁהוּא תִּקּוּן הַבְּרִית, שֶׁהוּא בְּחִינַת (מִשְׁלֵי ל): "דֶּרֶךְ הַנֶּשֶׁר בַּשָּׁמַיִם". וְזֶה (בַּמִּדְבָּר י"א): "וְהַמָּן כִּזְרַע גַּד הוּא" 'זֶרַע גַּד', דָּא טִפָּה חִוַּרְתָּא (תִּקּוּנִים תִּקּוּן כ"א נ"ב:), הַיְנוּ בְּחִינַת: 'וְנוֹזְלִים מִן לְבָנוֹן' שֶׁזֶּה בְּחִינַת תִּקּוּן הַבְּרִית, שֶׁבָּזֶה תָּלוּי פַּרְנָסָה בְּלִי טֹרַח, שֶׁהוּא בְּחִינַת מָן, בְּחִינַת: 'לֶחֶם מִן הַשָּׁמַיִם' כַּנַּ"ל. כִּי פַּרְנָסָה שֶׁהוּא בְּטִרְחָא וּבִכְבֵדוּת, הוּא מֵחֲמַת שֶׁלֹּא תִּקֵּן תִּקּוּן הַכְּלָלִי, שֶׁהוּא תִּקּוּן הַבְּרִית. כִּי מָאן דְּזָרֵק פֵּרוּרִין דְּנַהֲמָא עֲנִיּוּת רָדֵף אֲבַתְרֵהּ, כָּל שֶׁכֵּן מָאן דְּזָרֵק פֵּרוּרִין דְּמֹחָא (זֹהַר פִּינְחָס רמ"ד).

אונזערע לייט פלעגן תמיד טייטשן: וואס הייסט דאס 'פרנסה בלי טורח'? מען זעהט דאך גרויסע ערליכע אידן האבן געהארעוועט!? נאר דער פשט איז אזוי, טאקע "יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל" איז דער טייטש, נאר די הענט הארעוועט - דער מח נישט, דער מח איז צום אויבערשטן; אז נאר מיט דיינע הענט ארבעטסטו, אבער דער מח איז מקושר צום אויבערשטן, דאס איז זייער א גוטע זאך [- "אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ"].

וועלכעס הייסט 'פרנסה בטורח'? אז דער מח גייט אוועק, אז דער מח אינמיטן דאווענען האנדלט אויך. דאס עיקר הארעווען אויף פרנסה איז נישט נאר הארעווען מיט די הענט. 'פרנסה בלי טורח' איז דער פשט, דער מח איז פריי! די הענט קענען ארבעטן און דער מח זאל זיין מקושר צום אויבערשטן![מט].

זאגט דער רבי: דאס איז 'פרנסה בלי טורח' - דורך 'תיקון הברית', 'לחם מן השמים', 'מָן'. "'זֶרַע גַּד' - דָּא טִפָּה חִוַּרְתָּא" מיינט מען 'תיקון הברית'.

א טייטש פון רבי'ן; דער רבי טייטשט אייןנ: "לֹא תֹאכְלוּ עַל הַדָּם" - דאס איז אין דער היינטיגער סדרה; "לא תאכלו" - פארוואס וועט איר נישט האבן וואס צו עסן? "על הדם" - איבער די דָמים, איבער 'פגם הברית'. "לא תאכלו על הדם" - איבער די דמים פון פגם הברית איז "לא תאכלו", איז די 'פרנסה בטורח'.

דעם רבי'נס עצה דארף מען תמיד מקיים זיין, נאר זומער נאך מערער; זומער דארף מען דעם כלי זיין נעמען נאך מערער.

---

[מט] עיין ליקוטי הלכות הל' חול המועד ה"ד, אות ח': עִקַּר הַתִּקּוּן כְּשֶׁזּוֹכִין לְהַמְשִׁיךְ הָאֱמֶת בִּבְנֵי אָדָם שֶׁעוֹסְקִים בְּמַשָּׂא וּמַתָּן וּמְלָאכוֹת **שֶׁגַּם הֵם בְּתוֹךְ עִסְקָם לֹא יִשְׁכְּחוּ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** וְיֵדְעוּ וְיַאֲמִינוּ שֶׁהַפַּרְנָסָה רַק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ בְּהַשְׁגָּחָתוֹ לְבַד וִיקַדְּשׁוּ הַמַּשָּׂא וּמַתָּן וְהַמְּלָאכוֹת לַעֲשׂוֹת הַמַּשָּׂא וּמַתָּן בֶּאֱמוּנָה גְּדוֹלָה וְלִזְכֹּר בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל עֵת וְלִקְבֹּעַ עִתִּים לַתּוֹרָה עַל כָּל פָּנִים. עיין גם בשיש"ק (חדש) ח"ב אות תרס"א שאכן כך הדריך מוהרנ"ת את בנו ר' יצחק כשקיבל עליו עבודת הפאסט עיי"ש.

[נ] וזל"ש: וְזֶה (וַיִּקְרָא י"ט) "לֹא תֹאכְלוּ עַל הַדָּם" הַיְנוּ עַל יְדֵי הַדָּמִים, שֶׁהֵם גּוֹרְמִים לַשְּׁכִינָה בְּחִינַת דָּם נִדָּה, בִּבְחִינַת עִיר הַדָּמִים, בִּבְחִינַת: 'מַדּוּעַ אָדֹם לִלְבוּשֶׁךָ', בִּבְחִינַת 'שֶׁנִּמְצָא רְבָב עַל בְּגָדָיו', הַיְנוּ עַל יְדֵי פְּגַם הַבְּרִית, שֶׁהוּא בְּחִינַת פְּגַם כְּלָלִיּוּת הַגִּידִין, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת פְּגַם הַבְּגָדִים כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה: לֹא תֹאכְלוּ הַיְנוּ פַּרְנָסָה בְּטֹרַח.

ער (- הבעל דבר) גייט ארויס מיט אזעלכע מיני 'כלי זיין', אז עס איז א געוואלד! און טאמער דער מענטש איז נישט מרגיש, איז נאך ערגער, איז ער ממש א שוטה! אז 'ער' גייט - און איך וועל נישט ניצן און נעמען מיינע כוחות און מיינע עצות פון דעם אמת'ן צדיק, בוודאי וועט 'ער' מנצח זיין.

## 'איך שעם מיך פאר זיי!'

ר' אברהם אלי' מייזעס[נא] וואס איז געווען דא (- בארץ ישראל) איז געווען אסאך מאל ביים ציון אין אומאן. ראש השנה איז ער אויך געווען. איז ער אמאל ארויסגעגאנגען אין פעלד אריין ביינאכט, ער האט געוואלט הערן - 'וואס רעדן זיי? וואס בעטן זיי?' - אונזערע לייט - וואס בעטן זיי דארטן אין פעלד.

איז ער געגאנגען אין א זייט, האט ער זיך צוגעהערט צו איינעם א סוחר (- ה"ה החסיד ר' חיים בנימין בראד ז"ל) ווי ער ליגט דארטן און שרייט צום אויבערשטן - אינמיטן נאכט געשריגן צום אויבערשטן, אויסגערעדט וואס זיין מסחר איז - 'גיב מיר כוחות איך זאל קענען היטן די אויגן, איך מוז דאך האבן א שייכות - - זיי קומען דאך צו מיר עפעס קויפן, דארף איך דאך רעדן מיט זיי און זיי פארקויפן - איך זאל היטן די אויגן, איך זאל היטן דעם געדאנק!'.

**"אוי!" - זאגט ער (- ר' אברהם אלי') - "איך האב זיך געשעמט פאר זיי! אזוי בעטן זיי! אזוי בעט מען פארן אויבערשטן אז ער זאל האבן אזא מין ריינעם טאג - איך האב מיך געשעמט פאר זיי!".**

ר' אברהם אלי' מייזעס איז געווען פון די אנגעזעהענע מענטשן, א למדן א גרויסער.

'איך האב זיך געשעמט פאר זיי - איך האב געהערט ווי א סוחר בעט אזעלכע זאכן ביים אויבערשטן אז ער זאל האבן א ריינעם טאג - אלץ גערעדט פארן אויבערשטן'. "אֶשְׁפֹּךְ לְפָנָיו שִׂיחִי".

---

[נא] עיין עוד אודותיו ועל שהותו באומן ושייכותו עם אנ"ש בירחון 'אבקשה' לחודש שבט מס' 78.

אט דאס האט אונז דער רבי געלערנט, עס איז א מלחמה, מען דארף צוגרייטן 'כלי זיין'. און די 'כלי זיין' דארף מען נישט קויפן, די כלי זיין האבן מיר, נאר וואס דען, נעם ארויס, ניץ עס.

פון אויבן אויף זעהט מען היינט מער ישיבות און מער תורה ווי עס איז געווען אמאל. אמאל איז דער עולם המסחר געווען מער ווי היינט - און לומדי תורה וואס זענען מופרש אויף תורה איז געווען ווינציג. עס האט געקענט זיין אין א שטאט בלויז עטליכע דארטן וואס זענען געווען מופרש אויף תורה אליין; אזוי איז אלץ געווען עולם המסחר. א יונגערמאן האט געגעסן קעסט א יאר צוויי און נאכדעם איז ער אריינגעגאנגען אין עולם המסחר.

פון אויבן אויף איז דאך היינט דער קול תורה מערער, ישיבות מיט טויזנטער בחורים, טויזנטער יונגעלייט אין די כוללים. אבער די עבודות וואס די סוחרים האבן געטוהן דאס איז אויך היינט זייער נישט בנמצא... איך רעד דאך פון אונזערע מענטשן - אונזערע סוחרים.

דער רבי האט דארט אין אוסטראה געזעהן א סיפור - דער סוף ענדיגט זיך: "**אט דאס זענען געווען די אוסטראה'ער סוחרים! אט דאס זענען געווען די אוסטראה'ער פרנסים!**"[נב].

דער רבי וועט זיך נישט שעמען מיט זיינע סוחרים! וואספארא סוחרים דער רבי האט געהאט! א סוחר לויפט ארויס און רעדט זיך אויס פארן אויבערשטן פריער ער זאל האבן א ריינעם טאג - דאס איז דאך 'ברומו של עולם'! עס איז דאך א געוואלד! דער רבי בארימט זיך מיט אזעלכע סוחרים - 'אזעלכע סוחרים האב איך!' - ער בעט דעם אויבערשטן ער זאל האבן א ריינעם טאג - ער איז דאך א סוחר!"[נג].

---

[נב] מובא בטעם זקנים קונטרס קל"ב, עיי"ש באריכות.

[נג] עיין באריכות בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, וזל"ש בסוף באות ל': **וְכֵן אַנְשֵׁי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁבַּאֲנָשָׁיו** כְּמוֹ הַנַּ"ל ... וּשְׁאָר אַנְשֵׁי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁהָיוּ מְקֹרָבִים אֶל אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל, **רֻבָּם כְּכֻלָּם הָיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וִיקָרִים וְנַפְשָׁם נִכְסְפָה גַּם כָּלְתָה לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** וְקָבְעוּ עִתִּים לְתוֹרָה וְלִתְפִלָּה כָּל אֶחָד כְּפִי יְכָלְתּוֹ וְאֶפְשָׁרוּתוֹ וּלְבָאֵר עַל הַכְּתָב הַמַּעֲלוֹת וְהָעֲבוֹדוֹת שֶׁל כָּל אֶחָד יִקְצְרוּ הָמוֹן יְרִיעוֹת לְסַפֵּר, **אַשְׁרֵי לָהֶם**.

❖

## זיך געבן נאר התחזקות!

מען דארף האבן א חבר - איינער מיט דעם אנדערן זיך געבן התחזקות - נאר התחזקות! מען זאל זיך נישט אריין - - מען טאר נישט רעדן קיין דיבור פון יאוש! וואס הייסט א דיבור פון יאוש? אז עס זאל דיר ארייגגיין א געדאנק אז דער 'כנגד' מיינער איז אזוי שטארק אז איך האב נישט די כוחות צו גיין אנטקעגן אים - אט דעם געדאנק טאר איך נישט האבן, דאס איז א פאלשער געדאנק, איך טאר נישט האבן דעם געדאנק.

ער גייט טאקע שטארק - אבער איך האב גרעסערע כוחות! די העלמה איז נאר אזוי גרויס, און דער בעל דבר וויל עס מאכן ווי ער איז אזוי שטארק, אז מיר זאל זיך דאכטן אז ער איז שטארקער פון מיר. אבער דער אמת איז, די קדושה איז גרעסער, נאר וואס דען, עס איז בהעלם.

טאקע 'בכח הצדיק'! דער צדיק דעקט אויף, ער איז מגלה! אזוי ווי מען האט געלערנט פריער, דער 'דעת' איז דא ביי מיר - נאר עס שלאפט, איז 'אויפהויבן דעם דעת איז דורך 'שבח הצדיקים', דורך דעם צדיק, מיט זיינע ספרים.

אז דער מענטש פילט דאס ביי זיך, גייט ער ארום מיט א שמחה ביי זיך - 'דער בעל דבר איז טאקע שטארק - אבער איך האב פארט אין זיך כוחות!' דאס אליין גיט א געוואלדיגע שמחה - 'איך ליג נישט אין קיין יאוש אז איך בין א פארפאלענער. ניין!'.

❖

רבי נתן אין א מכתב[נד] שרייבט ער דארט צום זון: "אויף אייך איז געזאגט געווארן: 'לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ'" - אייך פרוּווט מען מיט א 'רגע'.

---

[נד] עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' לך לך תקצ"ג: וְזֹאת תִּזְכֹּר מַה שֶּׁדִּבַּרְנוּ בְּסָמוּךְ מִפָּסוּק (אִיּוֹב ז) **לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ**, כִּי כֵן הוּא הָאֱמֶת שֶׁהָאָדָם נִבְחָן בְּנִסְיוֹנוֹת בְּכָל רֶגַע, וְאֵין רֶגַע דּוֹמָה לַחֲבֶרְתָּהּ, עַל כֵּן בְּכָל רֶגַע יְכוֹלִין לִזְכּוֹת הַרְבֵּה וְלַחֲטֹף טוֹב הַרְבֵּה וְלִבְרֹחַ מֵרַע הַרְבֵּה הַמִּתְגַּבֵּר וּמִתְעוֹרֵר בְּכָל רֶגַע, כִּי אֲנָשִׁים כְּעֶרְכְּכֶם הַמִּלְחָמָה הִיא בְּכָל עֵת וָרֶגַע מַמָּשׁ, וּבִפְרָט בְּעִנְיַן הַהַשְׁלָכָה וְהַנְּפִילוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן

איינעם גיט מען א נסיון פון א שעה, איינעם גיט מען א נסיון פון א טאג.

יוסף הצדיק האט געהאט א נסיון א גאנץ יאר![נה]

אונז גיט מען א נסיון פון איין רגע; 'גיב א קוק - גיב נישט קיין קוק', 'גיב א טראכט - גיב נישט קיין טראכט' - א נסיון פון איין רגע!

אז דער אויבערשטער העלפט איך בין עומד בנסיון די רגע - בין איך אויך עומד בנסיון, האב איך אויך עומד בנסיון געווען.

"אויף אייך איז געזאגט געווארן 'לרגעים תבחננו'!" - אייך פרואווט מען מיט איין רגע.

אז דער אויבערשטער העלפט, ווערט דער מח מיושב, מען היט טאקע דעם געדאנק.

❖

## האבן א שיינעם פאָטאָגראַף

רבי נתן ברענגט טאקע[נו]: "'אשרי' דער וואס דער מח איז אים משוטט אין דעם רבי'נס דיבורים!" - מען גייט און מען טראכט א טייטש פון דעם רבי'ן ווי דער רבי טייטשט איין א 'רבה בר בר חנה', א 'סבי דבי אתונא', ווי דער רבי טייטשט איין א פסוק אין תהלים; אז מען טראכט דעם טייטש פון דעם רבי'ן, ליגט דער מח אין גוטע געדאנקען וואס דאס איז דער עיקר חשיבות און דער עיקר מיין פארמעג וואס איך האב אין זיך.

איך האב טאקע א גאנצער גוף מיט איברים, אבער דער עיקר פארמעג איז דער מח, דער געדאנק, אט דאס איז דער עיקר פארמעג מיינער. אז דער אויבערשטער העלפט

---

שֶׁרוֹצֶה לְהַשְׁלִיךְ וּלְהַפִּיל אֶת הָאָדָם בְּכָל עֵת, וּצְרִיכִין הִתְחַזְּקוּת הַרְבֵּה וְהִתְעוֹרְרוּת הַרְבֵּה בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה. **וְלִפְעָמִים בְּכָל רֶגַע.**

[נה] עיין מדרש תנחומא וישב פ' ח'.

[נו] חיי מוהר"ן אות פ"ג: כִּי **הוּא זְכוּת גָּדוֹל לְהָאָדָם כְּשֶׁזּוֹכֶה שֶׁיִּהְיוּ מַחְשְׁבוֹתָיו מְשׁוֹטְטוֹת בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו.**

אז ער היט אפ דעם מח, איז דער עיקר פארמעג מיינער גאנץ, ממילא איז שוין אלעס אפגעהיט. אז מען היט אפ דעם געדאנק, דערלאנגט דאס שוין אומעטום.

דערפאר טאקע, דער רבי רעדט אין תורה מ"ט: "מחשבות טובות הם יצר טוב, ומחשבות רעות הם יצר הרע"; דער עיקר 'יצר טוב' איז דער גוטער געדאנק, און דער 'יצר הרע' איז 'מחשבות רעות'[נז].

דער עיקר דארף מען זיך פארלייגן מיט תפילות, מיט עצות, מיט חברים, אז מען זאל האלטן דעם געדאנק צום אויבערשטן. וואס מער איך וועל טראכטן א מאמר, א תורה, אז דער געדאנק זאל מיר זיין מקושר צום אויבערשטן, אט דאס איז דער עיקר מיין פארמעג, און דאס דארף איך היטן.

עס שטייט אין "כוכבי אור" אין "אנשי מוהר"ן" (אות י"ד): רבי נתן האט געזאגט נאך וואס ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן: "איידער מען ווערט אַן איש כשר 'צריך להתמהמה הרבה'!" - ביז מען ווערט אַן איש כשר דארף געדויערן לאנג.

ווייזט דאך אויס, דאס איז א זאך וואס מען קען דאס נישט כאפן מיט איינמאל. נאר וואס דען, אבער 'וויל' דאס, 'וויל ווערן אַן איש כשר'. מען דארף טאקע 'צריך להתמהמה הרבה', עס גייט נישט אזוי גיך, אבער דיין געדאנק זאל זיין - 'איך וויל זיין אַן איש כשר!'.

דער רבי זאגט[נח]: "אַן איש כשר איז אַן ענין אחר לגמרי!".

אז דער אויבערשטער העלפט א מענטש אז זיין געדאנק איז אפגעהיט - זאגט דער רבי אין תורה כ"א (אות ב') - פון דעם מח ציהט זיך דאס שוין אומעטום, די אויגן האבן א קשר צום מח, די אויערן, אלעס האט א קשר צום מח. אז דער מח איז אפגעהיט, ממילא היט זיך שוין די אויגן, היט זיך שוין דאס מויל, היט זיך שוין אלעס.

---

[נז] עיין מ"ש מוהרנ"ת בליקוטי עצות על פי תורה זו, וז"ל: כָּל תִּקּוּן הָאָדָם וְקִלְקוּלוֹ חַס וְשָׁלוֹם, הַכֹּל תָּלוּי בַּמַּחֲשָׁבָה שֶׁבַּלֵּב, כִּי עִקַּר הַיְצָרִין הֵם הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַחָכְמוֹת שֶׁבַּלֵּב, כִּי מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת הֵם יֵצֶר טוֹב וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם יֵצֶר הָרָע.

[נח] ליקוטי מוהר"ן תנ' סי' קט"ז; שיחות הר"ן אות י"ד.

דער רבי זאגט אין דער תורה (שם בסופו): "במקום שחושב השכל שם הוא"; דארטן וואו דער 'שכל' טראכט - דארטן איז דער גאנצער מענטש.

עס איז דא אַן 'עולם המחשבה'. אין 'עולם המחשבה' האט דער מענטש נאר א ציור לויט וואספארא מחשבות ער טראכט. לויט וואס ער טראכט - אזא ציור האט ער, אזא פאָטאָגראַף איז דארטן דא - וואס ער טראכט אין מח! עס קען זיך דורכווארפן דורכן טאג אסאך פאָטאָס, אט האט ער א שיינעם פאָטאָ, און אט גיט ער זיך 'אזוי', איז שוין - -

דער רבי זאגט אין תורה כ"ז[נט]: "הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ, הַשְׁמִיעִינִי אֶת קוֹלֵךְ"; "הראיני את מראַיך" מיינט מען די חידושי תורה - 'ווייז מיר וואספארא פנים האסטו' - א ריינעם מח, 'אזוי וויל איך הערן דיין קול' - "השמיעיני את קולך".

אז דו רעדסט צו מיר - לאמיר זעהן 'מראַיך' - ווי אזוי זעהסטו אויס, ווי דיין פנים איז, ווי דער מח דיינער איז, אזוי וויל איך הערן דיין קול וואס דו רעדסט צו מיר. דאס איז שייך צו דער תורה, אז נישט יעדער דיבור איז 'נשמע ונתקבל', נאר דער דיבור וואס האט אין זיך 'טוב'.

❖

## ווערן עפעס אנדערש!

בכח דעם רבי'ן קען מען טאקע זוכה זיין אז דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן א מח מיושב, גוטע געדאנקען, מען זאל נישט זיין מבולבל, ממילא איז ער אינגאנצן אנדערש.

---

[נט] וזל"ש בקיצר (מליקוטי עצות): עַל־יְדֵי תִּקּוּן הַבְּרִית זוֹכֶה לְהֶאָרַת פָּנִים לְהַדְרַת פָּנִים, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּזְדַּכֵּךְ חָכְמָתוֹ בְּהַתּוֹרָה וְיֵדַע לְבָאֲרָהּ וּלְדָרְשָׁהּ יָפֶה בִּשְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶן שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הַדְרַת פָּנִים. וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיִּזְדַּכֵּךְ קוֹל רִנָּתוֹ, עַד שֶׁעַל־יְדֵי קוֹל רִנָּתוֹ לְבַד בְּלֹא דִּבּוּר, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשִׁיעוֹ בְּעֵת צָרָתוֹ. וְעַל־יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְשָׁלוֹם וְיָכוֹל לְהַמְשִׁיךְ כָּל הָעוֹלָם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, ע"כ. עיין שם בתורה בפנים אות ד' איך רביז"ל מפרשו בפסוק 'הראיני את מראיך' וכו'.

רבי נתן ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז ער געוועזן שוין מער ווי אכט יאר נאך דער חתונה. ער איז געבוירן געווארן תק"מ - חמשה עשר בשבט[ס]. און האט חתונה געהאט תקנ"ג 'שבת נחמו'[סא]. און ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן סוף תקס"ב[סב] - אכט און א האלב יאר נאך דער חתונה.

ער איז געוועזן אַן איידעם ביי "דעם גרויסן רבי דוד צבי", און א זון געוועזן פון ר' נפתלי הירץ, ער איז געוועזן ארומגענומען מיט יחוס מגדולי עולם. ער איז דאך געוועזן עפעס א כלי אז דער רבי דוד צבי האט אים גענומען פאר אַן איידעם - רבי דוד צבי איז דאך געוועזן פון די גרויסע מענטשן. מען האט אים גערופן אין אוקריינע: "דער גרויסער ר' דוד צבי!" - ער איז געוועזן פון די גרויסע מענטשן, א הימל מענטש, א צדיק. און אז ער האט גענומען רבי נתן'ען פאר אַן איידעם האט ער געזעהן ווער ער איז.

אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, איז פשט, ער האט געפילט ביי זיך עפעס א השתנות[סג]. זעהט מען דאך, אפילו ביי אים, אזא מין מענטש וואס ער איז פריער אויך געוועזן א צדיק, ער איז פריער אויך געוועזן א גדול, אבער אז ער איז געקומען צום רבי'ן האט ער געפילט אין זיך א השתנות אין זיין ערך[סד].

זעהען מיר דאך; דער רבי האט א כח, אז מען ריכט זיך צו צו אים, ווערט מען נשתנה! וואס ער איז געוועזן פריער - ווערט ער נשתנה! ער ווערט נשתנה, ער הויבט אָן חרטה צו האבן, ער הויבט אָן וועלן בעסערס, ער הויבט אָן ווערן אביסעלע קליגער, נישט אזוי נאריש, ער ווערט נשתנה!

---

[ס] ימי מוהרנ"ת אות א'.

[סא] שם.

[סב] שם אות ב'.

[סג] עיין ימי מוהרנ"ת אות א' הנ"ל מש"ש אחר שנתקרב לדרך החסידות: וְאָז נִמְשַׁךְ עָלַי יִרְאָה קְצָת **וְנִשְׁתַּנֵּיתִי לְטוֹבָה** בְּכַמָּה דְּבָרִים הַיְדוּעִים לִי.

[סד] עיין חיי מוהר"ן אות רנ"א: אָמַר, יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב, וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים אֶלָּא **אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וַאֲנָשִׁים גְּדוֹלִים** אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב. כִּי גַּם הַצַּדִּיקִים צְרִיכִים לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב, וכו' עיין שם.

**דאס איז א 'דבר ברור'; אז מען ריכט זיך צו צום רבי'ן ווערט מען נשתנה![סה]**

**נאר וואס דען, ריכט זיך צו! ריכט זיך צו!**

מען האט שוין כמה פעמים גערעדט. דער רבי האט געזאגט[סו]: **"איך בין א נהר המטהר מכל הכתמים!"** - א 'נהר' וואס רייניגט אויס פון אלע 'כתמים'. אבער גיי אריין אין טייך אריין, טובל זיך אין דעם טייך; אז דו ווילסט זיך נישט אויסטוהן די מלבושים, דו ווילסט זיך נישט טובל'ן - דער גרעסטער טייך פון דער וועלט וועט דיר נישט מטהר זיין.

ס'טאקע א שיינער טייך, **אבער אז דו ווילסט זיך נישט אויסטוהן, אז דו ווילסט נישט אריינגיין זיך טובל'ן, איז ווי קען ער דיך מטהר זיין?! גיי אריין - טובל דיך! גיי אריין און טובל דיך!** לערן די הייליגע ספרים, זיי מקיים די עצות, האב גוטע חברים! עס איז א 'נהר המטהר מכל הכתמים'.

❖

## 'מקצה העליון עד קצה התחתון'

יעדעם דיבור וואס איז ארויס 'מפיו הקדוש' פון דעם רבי'ן, איז דער דיבור שייך צו דעם גרעסטן און צו דעם קלענסטן! דער רבי האט נישט גערעדט קיין דיבור וואס עס זאל זיין שייך צו 'דעם' יא - און צו 'דעם' נישט! **דער דיבור איז שייך צו יעדן איינעם!** נאר וואס דען, יעדער דארף דאס נעמען 'לפי ערכו'.

**אויב איז גערעדט געווארן דעם דיבור, איז דאס "לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם"![סז]**

---

[סה] עיין חיי מוהר"ן אות ש"י: נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁהַמִּתְקָרְבִים אֵלַי **נִשְׁתַּנָּה פְּנֵיהֶם**. גם עיין שם אות רצ"ד: **וּבֶאֱמֶת הָיָה נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁכָּל שֶׁנִּתְקָרֵב אֵלָיו נִתְמַלֵּא תֵּכֶף יִרְאָה גְּדוֹלָה וַעֲצוּמָה**, וְנִתְלַהֵב מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר לֹא נִרְאָה כָּזֹאת.

[סו] חיי מוהר"ן אות קפ"ט; אות של"ב.

[סז] עיין הקדמת מוהרנ"ת על ליקוטי מוהר"ן, וזל"ש בא"ד: אֵין שׁוּם דְּבַר מִצְוָה וּקְדֻשָּׁה וְעֵצָה טוֹבָה הַנִּצְרָךְ לְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם בְּכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא שֶׁלֹּא נִזְכַּר בַּסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה. כִּי מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו.

**דער רבי רעדט[סח] פון 'תפילה במסירות נפש', דער רבי רעדט פון 'צוקניפן די מחשבה צום דיבור' אז דאס הייסט 'מסירות נפש'![סט] - אט דער דיבור איז שייך צו יעדן איינעם! נאר ביי העכערע סארט מענטשן איז עס מערער.**

**אויף "אֵלֶיךָ ה' נַפְשִׁי אֶשָּׂא"[ע] - זאגט רש"י: "לבי אכוון"; איז דאך דער דיבור שייך צו יעדן איינעם.**

**וואס דער רבי רעדט א זאך, רעדט ער דאס פאר יעדן איינעם. רעדן צום אויבערשטן דיבורים - רעדט דער רבי צו יעדן איינעם, יעדער איינער דארף האבן די זאך פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים.**

**אויפשטיין ביינאכט ווען עס איז אַן עת רצון - דאס דארף יעדער איינער האבן - 'איך דארף דאך האבן דעם עת רצון, איך דארף דאך געהאלפן ווערן!' עס איז אַן עת רצון וואס עס ווערט גיכער נתקבל די תפילות, דארף איך דאך האבן דעם עת רצון! נישט מ'זאגט, 'דער' יא - 'דער' נישט' - יעדער איינער דארף דאך האבן דעם עת רצון.**

---

כִּי הוּא מְדַבֵּר מִכְּלָלִיּוּת הַכֹּל בִּכְלָל וּבִפְרָט. כּוֹלֵל כָּל הָעוֹלָמוֹת וְהַדְּרָגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁל כָּל אָדָם, כְּקָטָן כְּגָדוֹל. מִן רֵאשִׁית נְקֻדַּת הַבְּרִיאָה, שֶׁהוּא תְּחִלַּת הָאֲצִילוּת, עַד תַּכְלִית נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלַם הָעֲשִׂיָּה הַגַּשְׁמִי שֶׁהָאָדָם עוֹמֵד עָלָיו, כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי מְקוֹמוֹ וּמַדְרֵגָתוֹ בְּאוֹתָהּ הַשָּׁעָה וְהַזְּמַן. **מִן הַגָּדוֹל שֶׁבִּגְדוֹלִים עַד הַקָּטָן שֶׁבִּקְטַנִּים.** וַאֲפִלּוּ הַמֻּנָּחִים לְמַטָּה לְמַטָּה בַּעֲשַׂר כִּתְרִין דִּמְסָאֲבוּתָא, וכו' עיי"ש. גם עיין בהקדמתו לספר ליקוטי תפילות: וְכָל אָדָם כְּמוֹת שֶׁהוּא, בֵּין אִם הוּא **בְּתַכְלִית מַדְרֵגָה הָעֶלְיוֹנָה**, בֵּין אִם הוּא **בְּתַכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה**, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, **מֵרֵישׁ כָּל דַּרְגִּין עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין**, כֻּלָּם יְכוֹלִים לִמְצֹא עַצְמָם, עִם כָּל בְּחִינוֹתֵיהֶם, בְּתוֹךְ כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה שֶׁל רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. גם עיין שיחות הר"ן אות קל"א: כָּל דְּבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הֵם כְּלָלִיּוּת גָּדוֹל, וְכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה כָּלוּל מִכָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ. וּמִכָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם בְּכָל דַּרְגָּה וְדַרְגָּה. **מִן תַּכְלִית קָצֶה הָעֶלְיוֹן עַד תַּכְלִית קָצֶה הַתַּחְתּוֹן.** הַיְנוּ שֶׁעִם כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְשִׂיחָה שֶׁלּוֹ יָכוֹל לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה**, וְכֵן אֲפִלּוּ **הַקָּטָן וְהַפָּחוּת בְּתַכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה** יָכוֹל גַּם־כֵּן לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלִמְצֹא עֵצוֹת לְנַפְשׁוֹ עַל־יְדֵי אוֹתָהּ הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ. כִּי הֵם כְּלָלִיּוּת נִפְלָא מְאֹד.

[סח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' פ'.

[סט] עיין ליקוטי מוהר"ן שם; שם תנ' סי' מ"ו; גם עיין שיחות הר"ן אות י"ב.

[ע] תהלים כה, א.

אויב מען וויל, קומט אויס גאר, די קלענערע מענטשן דארפן גיכער האבן דעם עת רצון, ווארום דער הויכער מענטש איז דאך ממילא הויך, ער איז גרויס, איז ער דאך אין אלע צייטן נענטער צום אויבערשטן. [(מיט דעם אלעם,) אין זיין זאך וואס ער דארף, דארף ער אבער אויך האבן דעם עת רצון].

וואס דער רבי רעדט א ווארט, איז עס אלץ (פאר יעדן איינעם)! נישט זאגן, 'ער מיינט 'אים' יא - 'מיך' נישט...[עא]

[עא] עיין כוכבי אור - כתב יד הרב מטשעהרין: שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי שֶׁפַּעַם אַחַת נִתְקָרְבוּ אֲנָשִׁים חֲדָשִׁים אֵלָיו זַ"ל, וְהָיָה אוֹמֵר לִפְנֵיהֶם תּוֹרָה גְּבוֹהַּ כְּדַרְכּוֹ זַ"ל. אַחַר־כָּךְ סִפְּרוּ לְפָנָיו עַל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים שֶׁאוֹמְרִים שֶׁאֵינָם מְבִינִים תּוֹרָתוֹ, כִּי מַאי נַפְקָא מִינָהּ לָהֶם בְּתוֹרָתוֹ הַגָּבוֹהַּ, כִּי הֵם צְרִיכִים תּוֹרָה פְּשׁוּטָה וְדִבְרֵי מוּסָר פְּשׁוּטִים כְּפִי מַדְרֵגָתָם הַפְּשׁוּטָה וְהַנְּמוּכָה. וְחָרָה לוֹ זַ"ל עֲלֵיהֶם, וְאָמַר אָז: **מִי שֶׁאוֹמֵר שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִמְצֹא עַצְמוֹ בְּדִבְרֵי תּוֹרָתוֹ, הוּא אֶפִּיקוֹרוֹס. כִּי בֶּאֱמֶת תּוֹרָתוֹ הִיא כְּלָלִיּוּת גָּדוֹל מֵרֵישׁ כָּל דַּרְגִּין עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין.**

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **יואל**
**בלייער** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בנו החה"ח נח נ"י
עב"ג מו"ה איתמר טובי' ווידער הי"ו, למזל טוב

מו"ה **יחזקאל מנחם**
**מענדלאוויטש** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת הבן למזל טוב

מו"ה **שלום יצחק**
**שעהר** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **שלמה אליעזר**
**טענענבוים** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת למזל טוב

לע"נ האה"ח **חנה בת**
**ר' שמואל דוב** ע"ה
יארצייט י"ט חשון
ת.נ.צ.ב.ה.

מו"ה **ישראל אהרן**
**כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הכנסת בנו הבה"ח כמר זאב נ"י
לעותומ"צ, למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון** בן **מינדל**
לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **פיגא רבקה** בת ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מרת **רוחמה שרה** ע"ה בת ר' **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים